STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07296

TSVISHN HURBN UN GEULE

Z. Hering

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין דער תקופה נאך דער באפרייאונג האט די באווע-
גונג אין דייטשלאנד אדורכגעמאכט אן אייגנארטיקן וועג.

אין געוויסע פראגן, וואס ווערן דא בארירט, זיינען
פאראן פארשידענע אפשאצונגען און מיינונגען אין וועלט-
פארבאנד פועלי-ציון (צ. ס.) - התאחדות. אייגע פון זיי
ווערט געבראכט אין דער דאזיקער בראשור.

פ א ר ל א ג.

* * *

די דאזיקע שורות ווערן געשריבן ניט ווי זכרונות, און ניט ווי א אביעקטיווער דאקומענט פון א באשטימטער תקופה. נאך ווייט איז זי ניט אפגעשלאסן און נאך צו נאענט שטייען מיר צו איר ניט-אויסגע-לאשענעם קראטער, און פילן דעם הייסן אָטעם פון יענע גרויסע און גרויזאמע טעג.

די דאזיקע שורות באצוועקן דעם סך-הכל פון א וועג, אויף וועלכן ס'האבן זיך באגעגנט — נאך א לאנגער און פינסטערער נאכט — גלות און ארץ-ישראל, חורבן און אויפבוי, דורשט נאך גאולה און בשורה פון כוח.

ז. ה.

1. אויף די וועגן פון דער יידישער בריגאַדע

ס'איז געווען ממש א נס, וואס די ערשטע שליחים פון ארץ=ישראל, וועלכע האבן באגעגנט די רעשטלעך פון אייראפעאישן יידנטום, זיינען געווען די, וואס האבן געטראגן דעם ביקס אין דער האנט און דעם מגן=דוד אויפן ארעם. זיי האבן אויף די חורבות פון גלות=אנמאכט פאנאנדערגעוויקלט די פאן פון יידישן כוח, וועקנדיק בטחון ביי יידן און אכטונג ביי גויים.

זייער וועג אין גלות איז ניט געווען קיין לייכטער און אויך ניט קיין צופעליקער. און כדאי זיך אפצושטעלן אויף דעם דאזיקן לאנגן און מיזאמען וועג, בכדי צו פארשטיין דעם תמצית פון דער ערשטער ארץ=ישראל=שליחות און דעם וווּנדערבארן סוד פון דער ערשטער באגעגניש נאכן חורבן צווישן גלות און ארץ=ישראל.

די יידישע חיילים פון ארץ=ישראל זיינען אלע געווען פרייוויליקע. די יידישע התנדבות איז אן ספק איינע פון די שענסטע און שטארקסטע אנטפלעקונגען פון דעם יידישן רענעסאנס אין ארץ=ישראל. זי איז געווארן א באוועגונג — תנועת ההתנדבות — אויסגעטראגן דורך די חיילים גופא. זי האט געצויגן איר יניקה פון דריי מקורות:

א. פון דער וויזיע פון יידישער זעלבשטענדיקייט און פון א יידישער ארמיי.

ב. פון דעם באוווּסטזיין, אז די דאזיקע מלחמה איז א יידן=קריג — מלחמת היהודים.

ג. פון דער געשיכטע און טראדיציע פון די יידישע לעגיאנען אין דער פאריקער וועלט=מלחמה.

אירע הויפט=כוחות האט זי בעיקר געשעפט פון דעם באדן פון דער יידישער ארבעטער = קאלאניזאציע און בכלל פון די רייען פון דער יידישער ארבעטער = באוועגונג. זי האט אויסגעדריקט דעם טיפסטן ווילן פון דעם יידישן מענטש אין ארץ=ישראל צו קעמפן ווי א פאלק, מיט דעם אייגענעם שם המפורש און אונטער דער אייגענער פאן.

די חיילים פון דער יידישער בריגאדע זיינען ניט געווען די ערשטע. פריער — פאר זיי — האבן טויזנטער זין פונם ישוב געהאט אויסצושטיין א שווערן וועג אין די געמישטע יידיש=אראבישע איינהייטן און האבן אנטייל

גענומען אין דעם פעלד־צוג אין אפריקע און אין די שלאכטן אין גריכנלאנד און איטאליע. זיי האבן די ערשטע געבראכט די בשורה פון ארץ־ישראל אין די פארשידענע ווינקלעך פון יידישן גלות־לעבן. די יידישע בריגאדע האט אבער פארקערפערט, הגם נאר טיילווייז, די נאציאנאלע אספיראציעס פונם ארץ־ישראלדיקן ישוב, און די יידישע וועלט האט געזען אין איר די טייל־ווייזע דערפילונג פון אירע חלומות וועגן א יידישן מיליטערישן כוח.

ניט דא איז דער ארט צו דערציילן וועגן דעם וועג פון א יידישער מונ־דירטער אפטיילונג אין די ראמען פון א פרעמדן און זייער אפט פיינט־לעכן רעזשים; וועגן דעם קאמף פאר א פאן, פאר א העברעאיש אות, פאר פריי ווערן פון פרעמדער אפיטרופסות, פאר דאס רעכט צו קעמפן און צו טראגן דעם מונדיר אין נאמען פון ארץ־ישראל.

וויכטיק איז דא ד ע ר ו ע ג פון די יידישע פרייוויליקע אין גלות, דער ווילן צו גיין צו די יידן אין אייראפע און זיין צוזאמען מיט זיי אין דער צייט פון דעם גרעסטן נאציאנאלן אומגליק. דאס איז געווען דער גייסט פון דער יידישער בריגאדע, הגם ניט די מיינונג פון אלע אירע אנטיילנעמער. אין דעם איז באשטאנען דער באדייט פון דער „תנועת ההתנדבות" אין ארץ־ישראל, און נאך אין דער מאס, אין וועלכער זי האט געלעבט דעם געדאנק פון איר שליחות אין גלות, איז זי געווען באטראכטיקט אלס א נייע אנטפלע־קונג אין דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב. יידישע פרייוויליקע צי באשיצן דאס לעבן און שאפן פון ישוב זיינען ניט געווען קיין נייעס. די גאנצע געשיכטע פון דער הגנה איז די געשיכטע פון אזא התנדבות. ניי איז געווען דאס שטרעבן צו באגעגענען זיך פנים אל פנים מיטן פיינט אין אייראפע, דאס לעכצן נאך רעטונג און נקמה. ניי איז געווען די פעאיקייט פון א קליינעם א"י־ישוב אויסצוטיילן פון זיך, אין א צייט פון אלגעמיינער סכנה, ערנסטע שוץ־כוחות פאר דער הילף אין גלות.

אין די שווערסטע און אמייסטן קריטישע מאמענטן פארן ישוב, ווען די זיגרייכע טריט פון די היטלער־הארדעס האבן אפגעקלונגען פון מצרים און זייערע אייזערנע פויסטן האבן שוין געקלאפט אויף די טויערן פון אלעק־סאנדריא — איז ניט אפגעשוואכט געווארן דער דראנג פון די יידישע חיילים צו גיין צו די יידישע מאסן אין גלות. די יידישע בריגאדע האט פארשטאנען, אז דער גורל פון די יידן אין ווארשע און אין פראג, אין רוים און אין אמ־סטערדאם איז ניט ווייניקער וויכטיק ווי דער גורל פון די יידן אין תל־אביב און אין חיפה, איז עמק און אין גליל. אין איר מהות און עצם קיום, פונקט ווי אין מהות און עצם קיום פון דעם גאנצן ישוב, איז געלעגן דאס באוווסט־זיין, אז ארץ־ישראל איז דער חלוץ פונם גאנצן יידישן פאלק. אבער ווייט נאך ניט דאס גאנצע יידישע פאלק אליין. דערפון האט ארויסגעדרונגען דער קאמף קעגן „ישוביזם" אין אלע זיינע פארמען און אנטפלעקונגען.

וועגן דער שליחות פון דער יידישער בריגאדע אין גלות איז אנגעגאנגען א ליידנשאפטלעכע דעבאטע אין ישוב. קיינער וויל היינט דעם ויכוח ניט לייבטער מאכן. מיר דארף ניט פארגעסן, אז בכלל האט זיך געהאנדלט וועגן

דער מאביליזאציע פון א באלאגערטן, אין קייטן פון „ווייס־בוך" געשמידעטן ישוב, אין אן ענגלישער ארמיי און אין ענגלישע מונדירן. און נאך איינס דארף מען געדענקען, אז מלחמה אין ארץ־ישראל האט באדייט א קאמף אויף צוויי פראנטן. די הגנה און מיט איר דער יידישער ישוב האבן זיך גע־גרייט צו דעם לעצטן ווידערשטאנד אויף דער יידישער ערד: ביי די גרענעצן, ביים ים, אין טאלן און אין בערג. ארץ־ישראל אליין איז ניצול געווארן פון חורבן על־פי־נס. און דאך האט דער ישוב מאביליזירט זיינע זין און טעכטער אויף דעם רוף פון דער יידישער אגענץ, פון דער יידישער הגנה. די פרייוויליקייט פון יחידים, איז געווארן א באוועגונג. זי האט געמאנט, געפאדערט און געווארנט; ניט געלאזט איינשלומערן דעם געוויסן; ניט דערלויבט עס זאל זינקען אין זארגלאזיקייט פון בטחון און ווילשטאנד.

זי האט מאביליזירט דאס דארף און די פאבריקן, פארוואנדלענדיק די פרייוויליקייט פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אין א אידייאישער און מאראלישער קראפט, באפליגלט דורך דער אידיי פון א יידישער ארמיי — די באוואפנטע רעטונגס־ארמיי פון דעם א"ידיקן ישוב. דער וועג דערצו איז געווען א שווערער און א מיפולער. געבנדיק איר הסכמה צו דער שאפונג פון די ערשטע יידישע „באפס"־איינהייטן, וואס האבן שפעטער גע־דינט אלס יסוד פאר דער יידישער בריגאדע, האט די ענגלישע רעגירונג אויסן געווען צו שטארקן די אפווער־כוחות קעגן דער דירעקטער נאצישער געפאר. אין מאמענט אבער, ווען די סכנה איז פאריבער, האט די ענג־לישע א־מיניסטראציע געטאן אלץ, בכדי צו שטערן דעם יידישן גיוס, צו פארקריפלען זיין וועזן, איינצושרומפן זיין אומפאנג און האלטן אים אין צוים פון א פאלימישן פאריטעט מיט דער נישטיקער „מאביליזאציע" פון די אראבער אין א"י. די גזרה פון „ווייס־בוך" קעגן א יעטוועדן יידישן וווקס איז חל געווען אויך אויף יידישע ביקסן און אויף זייער אנטייל אין קאמף קעגן היטלערן.

אין אזא מצב, ווי אומגעהויער שווער איז געווען די אויפגאבע פון ישוב. לויט בן־גוריונס ריכטיקער פארמולירונג, האט עס געהייסן אין דער זעלבער צייט — צו קעמפן קעגן „ווייס־בוך", אזוי ווי היטלער וואלט ניט געווען, און צו קעמפן קעגן היטלערן פונקט אזוי ווי דער „ווייס־בוך" וואלט ניט געווען.

ניט בכדי צו באשיצן די בריטישע אימפעריע מיט יידישע באיאנעטן און ניט מיטן צוועק באליינט צו ווערן בסוף פון מלחמה — האבן יידן אנ־געטאן דעם ענגלישן מונדיר. אונ־זער קריג איז עס געווען — מלחמת היהו־דים. און אין אזא קריג האט דער ישוב פארשטאנען צו דערשיינען אלס פאלק.

די פאלימישע אויסווירקונג פון דעם יידישן גיוס זיינען אן ספק געווען באדייטנדע. אויפן שוועל פון מלחמה איז דער ישוב געווען א מין באלא־גערטע פעסטונג, איזאלירט פאלימיש דורך דער מינכענער פאציפיקאציע־ליניע פון טשעמבערליין. אין אזא לאגע האט דער יידישער גיוס באוויזן אפט

צו עפענען פאריגלטע טירן, אויסצוטרעטן נייע סטעזשקעס, ברעכן איזאָלאַ־ציע ־ צוימען. די ציוניסטישע פאליטיק האט אין צייט פון מלחמה צובא־קומען א נייעם און אומענטבערלעכן באזיס, אין א וועלט פון מונדורירטע און באוואפנטע כוחות.

יידישער אנטייל אין דער מלחמה — א טייל פון די אלגעמיינע און גרויסע קריגס־לייסטונגען פונם ישוב — איז געווארן א רעאליטעט.

די שליחות פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין דער צייט פון מלחמה האט ווי אלעמאל געפונען איר געטרייעסטן טרעגער אין דער יידישער ארבע־טערשאפט און אין איר קבוצישער באוועגונג. ניט צופעליק זיינען די ביר־גערלעכע קרייזן געווען שוואך פארטראטן אין דער יידישער בריגאדע, און בכלל אין דעם יידישן גיוס. א טראגישער צופאל איז עס אבער געווען, וואס אויך באשטימטע ארבעטער ־ פארטייען זיינען געווען באטייליקט אדער מיט נישטיקע צאלן, אדער מיט כוחות, וואס האבן ווייט ניט אנטשפראכן ניט זייער פאזיציע אין דער א״י־דיקער ארבעטערשאפט און ניט איר שליחות אין תקופה פון דער וועלט־מלחמה.

ווי קורצזיכטיק איז געווען זייער טעאריע וועגן „נייטראליטעט" פונם ישוב. און ווי זינלייז האט אויסגעזען זייער „געאגראפיע" פון א יידישן פראנט, איינגעפרעסט צווישן די גרענעצן פון סיריע, לבנון און מצרים!

און זאל עס מיט שטאלץ באטאנט ווערן, אז מער ווי אלע אנדערע פארטייען, איז די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־פארטיי (מפא״י) בייגעשטא־נען דעם נסיון. זי איז געווען די, וואס האט זיך געשטעלט בראש פון דעם יידישן גיוס אין ישוב. פון אירע רייען זיינען דער עיקר ארויס די, וועלכע האבן געזאמלט יידישע פריוויליקע — מענטש נאך מענטש, אפטיילונג נאך אפטיילונג, פארמענדיק דעם פרצוף פון א יידישן זעלבשטענדיקן מיליטע־רישן כוח.

פון איר מיטן איז אויך געקומען דער מאראלישער און פאליטישער פאטער פון דעם יידישן גיוס און פון דער יידישער בריגאדע — משה טשער־טאק. פון איר — דאס הארץ פון דער יידישער הגנה — אליהו גאלאמב — דאס הארץ וואס האט געפלאצט אין אומדערמידלעכע אנשטרענגונגען אויפ־צושטעלן דעם יידישן באוואפנטן כוח.

פריי פון זייטיקע חשבונות און מאנעוורן, ניט באלאסטעט מיט די קאמפלעקסן פון „לעגיאנאריזם" און „מיליטאריזם", מיט הארץ און אויער ביי דעם זיך אפשטעלנדיקן פולס פון דער יידישער פאלקס־מאסע אין איי־ראפע — איז פון אלע אנדערע די מפלגת פועלי ־ ארץ ־ ישראל געווארן די טרייבענדע קראפט פון דעם יידישן גיוס און פון דעם ארץ־ישראל־אנ־טייל אין מלחמה און אין דער רעטונגס־אקציע.

איבער 4 יאר איז די יידישע בריגאדע געגאנגען אין גלות, און ווייל מיט אמונה און עקשנות — איז זי דערגאנגען.

2. די שליחות פון ארץ־ישראל

מיט דעם דערשיינען פון דער יידישער בריגאדע אין איראפע און מיט דעם פאנאנדערוויקלען די יידישע פאן, איז איינגעביסן געווארן די „קאנספיראציע פון שווייגן", וואס האט מיט א דיקן שלייער פון אנאנימקייט איינגעהילט דעם אנטייל פון די יידן אין מלחמה. יידן האבן געקעמפט אין אלע ארמייען פון דער וועלט, באקימען הויכע אויסצייכענונגען, געבראכט אומצייליקע קרבנות. זיי האבן אבער ניט געקעמפט אלס יידן. זייער לעבן, קאמף און טויט איז געגאנגען אויפן חשבון פון פרעמדע. די איינציקע פון אלע פעלקער און נאציאנאליטעטן, וואס האבן געקעמפט אנאנים אין א קריג, וועלכע איז געווען א יידן-קריג!

און בלויז א קליין הייפעלע יידן פון ארץ-ישראל איז געווען באשערט אנטייל צו נעמען אין דער מלחמה אונטער אן אייגענער פאן, מיט אן אייגענעם נאמען, מיט אייגענע יידישע סימבאל-אפצייכענונגען. דורך זיי איז לעגאליזירט געווארן דער אנטייל פון דעם יידישן פאלק אין דער מלחמה.

געוויס זיינען געווען גוטע און געטרייע יידן אין אלע ארמייען פון דער וועלט; זיי האבן פיל בייגעהאלפן ביי דער רעטונגס-אקציע פון די ארץ-ישראלדיקע חיילים. די וועלט אבער האט געזען אין זיי אנגעהעריקע פון אנדערע מדינות. און זיי אליין האבן ניט געקאנט געבן דעם פולן אויסדרוק זייערע אמתע באגערן און געפילן, וואס האבן אויפגעלעבט אין שטורם פון דעם דאזיקן פארניכטונגס-קריג. פאר זיי איז די יידישע בריגאדע געווארן א מין מאראלישער און נאציאנאלער אנשפאר-פונקט, וואס האט געשטארקט זייער זעלבסטגעפיל און בטחון. זייער באגעגעניש מיט דער בריגאדע איז געווען א באגעגעניש מיט ארץ-ישראל גופה, וואס האט אויפגעטרייסלט זייערע געפילן ביז צום טיפסטן. די בלוי-ווייסע פאן פון דער יידישער בריגאדע — די איינציק אנערקענטע יידישע פאן אין דער קאמפס-מחנה פון פעלקער — האט אפילו געפלאטערט אויף א קליינעם, נישטיקן אָפּשניט פון דעם אלגעמיינעם פראנט. זי האט אבער סימבאליזירט די אחדות פון יידישן וואפן פון ניו-יארק ביז וולאדיוואסטאק און איינגעזאפט און קאנצענטרירט אין זיך די אלע פארשידנארטיקע שטראלן פון יידישער גבורה-אנטפלעקונג, אלס קאלעקטיוו-נאציאנאלן ביישטייער צו איבערווינדן די שטייגנדע כוואליע פון צערשטערונג.

* * *

די שליחות פון דער יידישער בריגאדע אין איטאליע איז געווען א דריי=פאכע שליחות פון בטחון, אחדות און רעטונג.

עס איז שווער אפצושאצן די טיף=אויפטרייסלענדיקע ווירקונג פון יידישן וואפן און יידיש = נאציאנאלע סימבאלן אין א ווירקלעכקייט, אין וועלכער יידיש בלוט איז געווען אזוי לאנג הפקר. דער פאקט, וואס אויפן פאן פון די חורבות אין גלות זיינען דערשינען די ערשטע שליחים פון ארץ=יש=ראל אלס די טרעגער פון יידישן כוח, האט געעפנט ראשית = כל די אויגן פון א סך פרעמדע, וועלכע האבן זיך צוגעוווינט צו זען אין די יידן די פאר=קערפערונג פון שוואכקייט און אנמאכט. אין זייער באוווסטזיין האט זיך איינגעקריצט דאס בילד פון א שוצלאזער יידישער מאסע, וועלכע איז דורכן גורל אליין באשטימט געווארן פאר שחיטות און פאגראמען. אין די פאר=בליבענע, ניצול = געווארענע רעשטלעך פון יידן, האבן זיי מיט שרעק געזען געשפענסטער, וואס זיינען אויפגעשטאנען פון זייערע קברים און גייען ארום אויף דער לעבעדיקער וועלט ווי נים רעאלע באשעפענישן. זייער אומריין באַ=וווסטזיין פון מערדער האט פארלאנגט די אינטגילטיקע ליקווידאציע פון די לעצטע עדות פון זייער פארברעכן.

דאס דערשיינען פון א יידישער באוואפנטער קראפט, וואס האט זיך רעשטלאז אידענטיפיצירט מיט דער שארית הפליטה, מיט איר גורל און מיט אירע איבערלעבענישן, איז געווען א נייער און וואגיקער גורם אין דער גע=שטאלטונג פון יידישן לעבן גלייך נאך דער באפרייאונג. דער אויסערלעכער אויסדרוק פון דער גורל=געמיינשאפט צווישן יידישע חיילים און יידישע פליטים, איז געווען דער געלער מגן = דוד אויף דעם בלוי = ווייסן הינטער=שלאג — דער סימבאל פון דער יידישער בריגאדע, וועלכער איז מיט שטאלץ און ליבע געטראגן געווארן דורך יידישער יוגנט נאך דער באפרייאונג. דער סימבאל אויף יידישע מונדירטע ארעמס האט געהאט זיין פיל=זאגנדע אויסשפראך: ער האט צוריקגעגעבן דעם מגן = דוד אין אייראפע, זיין אמתן איינגנטלעכן תוכן, און וואס ס'איז אויפגעצוווּנגען געווארן אלס שאנד=פלעק און טויט=צייכן, איז צוריק געווארן א סימבאל פון כבוד, לעבנס=ווילן און האפענונג.

די באפרייטע יידן — די אנטרונענע פון א בלוט=מבול און פארניכ=טונגס = פייער — האבן געלעכצט נאך א יידישן כוח, וואס זאל זיי צוריק=געבן דעם טעם פון זייער לעבן און דעם גלויבן אין זיך און אין יידישן פאלק. זייער גאנצער וועזן האט געציטערט פון דורשט אנצושפארן זיך אן אן אייגענער יידישער קראפט און איינזאפן אין זיך די ווארעמקייט פון בטחון. זיי האבן געגארט נאך א ברודערלעך ווארט פון טרייסט און פון לי=בע. זיי האבן געוואלט פילן ממשותדיק און איינאטעמען אין זיך ארץ=ישראל — דעם טיפן פארבארגענעם חלום, געחלומט אין שאטן פון פארניכטונג. די יידישע בריגאדע האט זיי דאס געגעבן. און אין דעם איז געלעגן דער סוד פון דער ערשטער באגעגעניש, אין וועלכער עס האבן זיך אויפגעמאכט די פארגלעטע, די פון צער און ווייטיק איינגעקארטשעטע הערצער און אויסגע=

גאסן און א גרויסן ברודערלעכן ווידוי, — דער ווידוי פון יידישן גורל אין אייראפע... ס'איז אומעגלעך צו זאגן וויפל יידן זיינען ניצול געוואָרן פאר ארץ-ישראל דורך דער דאזיקער באגעגעניש. זייער צאל איז געווען ניט קיין קליינע, אין א צייט ווען יידישע שוואכקייט און שוצלאזיקייט איז געווארן א ניט דערטראגבארע לאסט, און ווען דער גלייבן אין דער רעטונגס-קראפט פון ארץ-ישראל איז ערנסט אנגערירט געווארן.

מעגלעך אז דער יידישער בריגאדע איז געווען באשערט צו פארמיידן די גרעסטע פון אלע שפאלטונגען — די שפאלטונג צווישן גלות און ארץ-ישראל.

די שליחות פון דער ערשטער באגעגעניש איז געווען די פון טרייסט און בטחון.

די זעלנער פון דער יידישער בריגאדע האבן דערצווינגן צו אחדות. דאס איז געווען דער וועג פון דעם איבערוויגנדיקן רוב פון אירע שליחים. די יידישע בריגאדע אליין איז געווען דער קלאסישער אויסדרוק פון יידישער אחדות אין דער תקופה פון מלחמה און חורבן. די יידישע בריגאדע (און אזוי אויך אלע אנדערע יידישע אפטיילונגען) איז ניט געווען קיין אויפגעצוואונגענע, מיט כוח-מאביליזירטע קערפערשאפט. זי איז געווען א פריי-וויליקע ארגאניזאציע פון יידישע זעלנער, וואס האבן אלע געלעבט מיטן באוווסטזיין פון זייער שליחות און געגלויבט אין אחדות פון יידישן גורל און אין אחדות פון יידישן יואפן. זיי האבן אנדערש ניט געקאנט קומען צו די בלוטנדיקע רעשטלעך פון דעם יידישן קיבוץ אין אייראפע. אין יידישן לעבן, וואָס האט נאך געפיבערט פון דעם מעכטיקן בלוט-אָפפלוס, האט אלץ געשריען נאך אחדות. ווער האט זי אָנגערירט האט זאלץ געשאטן אויף פרישע, טריפנדיקע וונדן.

שפאַלטן האט געהייסן ניט בלויז צו ציען א שארפע פארטיי-ליניע צווישן די וואָס זיינען ערשט נעכטן געלעגן צוזאמען, צונויפגעפרעסט אויף די טויטן-פריטשעס. שפאַלטן האט באדייט א סך מער: אונטערשיידן צווישן ייד און ייד, באפאַרצוגן איינעם אין באצוג צו אַן אנדערן, שאפן אַן אטמאָספער פון קעגנזייטיקן חשד און אומצוטרוי.

צו פריש זיינען נאך געווען די זכרונות פון געטאָס און קאַצעטן, ווו די האנט פון שונא האט בכונה געהעצט איין טייל פון יידן קעגן דעם צווייטן, דורך טעראָר, פארפירערישע הבטחות און צייטווייליקע פריווילעגיעס!

שפאַלטן דאַן די רייען פון דער שארית הפליטה האט געהייסן שפאַלטן איר נשמה.

צו שטארק איז געווען די באדערפעניש צו זיין בלב ובנפש מיט אלץ און מיט אלעמען אין ארץ-ישראל, צו זיין שותפים צו דעם גאנצן ארץ-ישראל. יידן האבן געזען אין די זעלנער פון דער יידישער בריגאדע די שליחים פון ארץ-ישראל און ניט פון דער אָדער יענער פארטיי.

די בשורה פון דער שפאַלטונג איז ארץ-ישראל איז געווען פאר מערערע פון דער ש"ה אַן אומגליק. זיי האבן געהאט דעם געפיל, ווי זיי וואלטן

בארויבט געוואָרן פון עטוואס, וואס האט זיי אין די שווערסטע מאמענטן געהייסן לעבן און האפן.

און דאָן האט שוין דאס געשפענסט פון שפּאַלטונג פארפאלגט די מחנות פון וואַנדערנדע יידן און געוואָרפן זיין שאָטן אויף יעדן איבערגאנגסלאגער און באַראַק. עס איז געלעגן עטוואס טייוולאָנישעס אין דעם ריקזיכטלאזן גריעג נאך דער מענטשן־ירושה פון חורבן!

עס איז אוממעגלעך צו פארגעסן די ליידן און יסורים וועלכע ס'האט געהאט אויסצושטיין דער „קיבוץ בוכענוואַלד” אין דעם לעצטן דורכגאנגסלאגער אין אייראפּע, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. די מענטשן זיינען געווען צוזאמען אין די שווערסטע און ביטערסטע צייטן און אזוי האבן זיי געוואָלט פארבלייבן אין ארץ־ישראל, בויענדיק צוזאמען א ניי לעבן. זיי זיינען געווען אין „נוחם”. זיי האבן געהאט צווישן זיך חברים וואס האבן געהערט פאר דער מלחמה צו פארשידענע יוגנט־ארגאניזאציעס. און דאָך האבן אלע אָן אויסנאם געחלומט וועגן א געמיינזאמען קיבוץ אין ארץ־ישראל און געזען אין דעם די הויבט־שטרעבונג פון זייער לעבן. שפּאַלטונג האט זיי ניט פארשוינט; איר גרעץ האט ארומגענומען זייערע הערצער ווי מיט שפּינוועב, ביז עס איז דערשטיקט געוואָרן אין זיי דער לעצטער צאַפּל פון גלויבן. דער טייוול פון שפּאַלטונג האט זיך ניט באגנוגט מיט זייער פארלאָזן די געמיינזאמע יוגנט־היים, אין וועלכער, און א דאנק וועלכער, זיי האבן אדורכגעהאלטן די יארן פון פארניכטונג; נאך פריער האט ער זיי אויפגעצוואונגען די ראָל פון שפּאַלטונגס־מיסיאָנערן, וואס האבן באדארפט שפּרענגען די געמיינזאמע ראַם פון אינעווייניק.

פיל יונגטלעכע האבן געוויינט אויף דעם חורבן פון זייערע חלומות און שטרעבונגען, אנדערע האבן ציניש אויפגענומען די שפּאַלטונג אלס גזר פון דער ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט.

שפּאַלטונג האט געווירקט ווי סם און דעסטרוקציע; עס האט אונטערגעוואַשן דעם באָדן פון יידישער קאָלעקטיווער ווידערשטאנדס־קראפט; עס האט דעמאראליזירט די חלוצישע יוגנט און געפעלשט דעם בפירושן ווילן פון די בליים לעבן, פארבליבענע, מאכנדיק חרוב זייערע טיפסטע איבערלעבענישן. אין נאמען פון טריישאפט צו דער באוועגונג, מיטן כוח פון דעם באַצווינגענדן צויבער פון ארץ־ישראל, מיט מוראַזש־שטיינער פון א געמיינזאמער צוקונפט, זיינען אויסגעפלאַסטערט געוואָרן די סטעזשקעס פון שפּאַלטונג אין סאַמע האַרצן פון דעם יידישן פּליטים־לאגער, וועלכער איז פאַרצעלירט געוואָרן אויף באזונדערע נחלות.

צו מעכטיק איז געווען דער דורשט נאך ארץ־ישראל, בכדי אפּצושטויסן דעם בעכער נאר דערפאר, ווייל ס'זיינען געווען אין אים אויך די ביטערע סם־טראָפּנס פון שפּאַלטונג!

די יידישע בריגאדע איז — אלס גאנצע — טריי געבליבן איר שליחות פון אחדות, שטארקנדיק און דערמוטנדיק אירע דערשיינונגען און אנטפּלעקונגען אומעטום, ווו עס האט געטראָטן איר פוס. זי האט בא־

טראכט די יידישע פליטים=מחנה אלס איין גרויסע מחנה פון עקזאָדוס און געהאלטן אלס פארברעכן דאס שפּאַלטן אירע רייען — אונטערוועגס.

זי האט געזען אין דער שטרעבונג פון די שרידי ישראל צו אחדות דעם שטארקסטן און דעם פּרעכטיקסטן מלוכה=אויסדרוק פון יידישן זעלבסט=דערהאלטונגס=אינסטינקט, וואָס האט זיך אנטפּלעקט נאכן חורבן.

אין דעם גייסט האט זי געווירקט און באַווירקט. אין דעם זעלבן גייסט האט זי פארפליכטעט אירע שליחים און געצווימט אין די אייגענע רייען די אלע אינסטינקטן און יצרים ,וואס האבן געשטויסן אויף זייטיקע וועגן.

נאך אויפן וועג קיין איטאַליען, אויפן שיף, וואס האט געפירט יי יידישע באַטאַליאָנען קיין איראפּע, זיינען געמאכט געוואָרן אנשטרענגונ=גען צו באשטימען דעם אייגהייטלעכן כאראקטער פון דער שליחות פון די יידישע חיילים אין גלות. אין פעברואר 1946 האט א פּלענום=זיצונג פון דעם ועד=הבריגדה, וועלכער איז געווען באקאנט אין די לאגערן אלס מרכז לגולה, אנגענומען קלאָר=פארמולירטע ריכטליניעס פאר דער טעטיקייט פון די שליחי=ה,,חיל״ אין איראפּע, וועלכע זיינען פארפליכטעט געוואָרן צו ווירקן אין גייסט פון אן איינהייטלעכן חלוץ, פון אן איינהייטלע=כער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פון געמיינזאמע קינדער=אנשטאלטן.

כדאי צו פארצייכענען, אז די אויבנדערמאנטע באשלוסן זיינען אנגענו=מען געוואָרן דורך חיילים, מיטגלידער פון פארשידענע פארטייען, אחוץ די חברים פון ,,השומר הצעיר״.

אין מאדענא (איטאליע), ווו קרוב צו 5.000 יידן האבן זיך געוואַלגערט אויף די שטיינער פון דער אמאָליקער מיליטערישער אקאדעמיע, איז אין דער אלטער שול פּראָקלאַמירט געוואָרן די איינהייטלעכע חלוץ=אָרגאַניזאציע. דער זעלבער פרינציפּ — מיט געוויסע ניט וועזנטלע=כע מאדיפיקאציעס (,,חלוץ אחד״), איז באשטעטיקט געוואָרן דורך דעם אלגעמיינעם צוזאמענפאר פון אלע יידיש=מיליטערישע אָפּטיילונגען אין איטאליע, זומער 1945.

איז די דאזיקע אחדות געווען א פאָרמעל=ארגאניזאציאנעלע און האט זי ,,גלייכגעשאלטעט״ יסודותדיקע ווערטן פון דער באוועגונג? להיפך, וואס מער ס'איז אָפּגעשוואכט געוואָרן די אייניקייט פון דער חלוצישער יוגנט=מחנה, וואס מער ריסן און סעפּאַראַטיסטישע צייכנס זיינען אויסגעקריצט געוואָרן אויף איר קערפּער און נשמה, אלץ מער זיינען פארוואסערט געוואָרן די יסודותדיקע ווערטן פון דער חלוצישער באוועגונג און אלץ שטארקער זיינען געקומען צום אויסדרוק די נעגאטיווע גורמים פון האַס און ניוועלאַציע וואס האבן בסוף געבראכט צו איר מאָראַלישן און אידייאישן חורבן.

דער ערשטער סעמינאר פון דער חלוצישער יוגנט אין איטאליע איז געווען אן אייגהייטלעכער און האט ארומגענומען מיטגלידער פון אלע יוגנט=ארגאניזאציעס. אין אים איז געמאכט געוואָרן דער פּרווו פון א סך=הכל פון דעם טראגישן עבר, אין אים איז געשטארקט געוואָרן אמונה אין יידישן פאלק, אין ארץ=ישראל, און ס'זיינען צוריק אנגעקניפּט געוואָרן

שטארקע אינערלעכע פעדים מיט יידישער ארבעט און מיט דער יידישער קאמונע.

די יידישע בריגאדע האט געהאלטן פאר איר חוב צו זאָרגן דערפאר, אז די ניצול־געוואָרענע יידישע קינדער זאלן דערצויגן ווערן אין געמיינזאמע אנשטאלטן — אין בעלגיע און אין האלאנד, אין איטאליע און אין דייטשלאנד.

באזונדערס וויכטיק איז געווען די שליחות פון הצלה, וועלכע איז דורך דער יידישער בריגאדע געטראגן געוואָרן. די יידישע חיילים האבן געקעמפט פאר דער מאָראלישער ריינקייט אויף די גרענעצן, פאר גלייכע רעכט פון יעדן ייד אויף רעטונג, פאר א רעזשים פון הצלה. זיי האבן געזארגט פאר דעם סתם־ייד, וועלכער האט ניט געהאט זיין פארטיי, וואס זאל אים נאך לאנגע נעכט פון וואנדערונגען אויפנעמען אין „פונקט" מיט א ווארעם הארץ און מיט אָפענע אָרעמס, בעת ציטערנדיק פון קעלט און מידקייט, האט ער זיך געגויטיקט אין א ברודערלעכער האנט. זיי האבן אָפגעוואָרפן די נארישע „טעאָריע". אז יעדער סתם־ייד איז א ספעקולאנט.

ניט קיין גלאָריפיקאציע פון סתם־ייד איז עס געווען, נאר די טיפסטע ליבע צום פאלק אין זיין גרעסטן אומגליק. די שליחות פון דער בריגאדע איז געווען מציל צו זיין, ניט בלויז דאס לעבן פון דעם ייד, אבער אויך זיין נשמה. איר אויפגאבע איז געווען ניט צו רעגיסטרירן די פארטיי־צוגעהעריקייט פון די ניצול־געוואָרענע, נאר אויפצונעמען זייערע איבערלעבענישן און באגערן.

אויף אירע וועגן האט די יידישע בריגאדע באגעגנט ניט בלויז א טיפע אינסטינקטיווע בענקשאפט נאך אחדות, וואס האט אויסגעדריקט דעם ווילן צו פאלקס־זאמלונג, נאר אויך ארגאניזירטע געזעלשאפטלעכע גרופן — אלס געטרייע טרעגער פון די אחדות־שטימונגען.

עס איז א לעגענדע און איינציִיטיק א קריוודע פאר דער שארית הפליטה די באהויפטונג, אז געוויסע פון די דאזיקע גרופן זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך די שליחים פון דער יידישער בריגאדע. אמת, די יידישע בריגאדע האט זיי אויפגענומען מיט פרייד און התלהבות, זעענדיק אין זיי די פארקערפערונג פון די זעלבע אידייען, וואס האבן באשטימט דעם מהות פון איר שליחות. אזוי האט די „חטיבת שרידי אירופה" זוכה געווען צו א „קעניגלעכער אויפנאמע" אין די בערג פון טארוויזא. מיט ציטער אין הארצן האבן די יידישע חיילים איינגעזאפט אין זיך די בשורה פון יידישן ווידערשטאנד און דעם גייסט פון די גרויליקע טעג און נעכט, וואס האבן געפאָרעמט דעם פרצוף פון מלחמה־דור. די „חטיבת שרידי אירופה" איז זיך אין קורצן פונאנדערגעפאלן. זי איז געקומען קיין איטאליע נאך א לאנגן וועג און די ערשטע שפורן פון אן אינערלעכן קריזיס זיינען געווען אין איר קאנטיק גלייך ביי דער ערשטער באגעגעניש. איר ודוי אין טארוויזא איז געווען מער געשיכטע ווי א בשורה.

אירע אנפירער האבן ניט בייגעשטאנען דעם נסיון פון אויסערלעכן דרוק, וועלכער איז געקומען אויפפרישן און באנייען די זכרונות פון די יוגנט־יארן אין דער אדער יענער באוועגונג. צו שוואך זיינען געווען זייערע אויסגעמאטערטע כוחות, זיי זאלן ניט קאפיטולירן פאר דער „ווירקלעכ־קייט"; צו גרויס איז געווען דער אויסגעבענקטער צוויבער פון ארץ־ישראל, זיי זאלן ניט אקצעפטירן אלץ, וואס איז זיי געבראכט און דערלאנגט גע־ווארן אין נאמען פון ארץ־ישראל.

זייער אורשפרינגלעכער געדאנק איז געווען צו זאמלען די רעשטלעך פון אייראפעאישן יידנטום אונטערן פאן פון אחדות, געראנגל, חלוציות און יידישע מדינה. זייער לעצטער אנטוויקלונגס־עטאפ איז געווען די בלויזע ארגאניזאציאנעלע ראם, אפגעהיט מיט די לעצטע פונקן פון חברישע לאיאליטעט און געמיינזאמע איבערלעבענישן. און וואס גרעסער דער פא־ראט אין דער אמאליקער פאן, אלץ שטארקער דאס האלטן זיך אין דער ראם גופא און וועלן אפהיטן איר גאנצקייט ערב דעם אנטגילטיקן פונאנדערפאל.

אזוי האט געענדיקט א גרופע, וואס האט געחלומט וועגן א גייעם זעלבסטשטענדיקן וועג אין גלות און אין ארץ־ישראל, און האט ניט פאר־שטאנען, אז זי מוז זיך בסוף אנשפארן אויף די יעניקע כוחות אין ארץ־ישראל, וואס זייער פאן האט זי ניט ווילנדיק, געטראגן.

שוואכקייט, מידקייט און ניט־געטריישאפט צו די אייגענע אידייען, האבן מכשיל געווען די גרופע, נאך איידער זי האט באוויזן אויפצוטאן עטוואס ממשותדיקעס אויף צוויי הויפט־געביטן, אויף וועלכע זי האט געקאנט דערפילן א גרויסע אויפגאבע: הצלה און נקמה.

* *

*

דאס אויפלייזן די יידישע בריגאדע אין סאמע מיטן פון איר רע־טונגס־ארבעט איז געווען א שווערער, דערשיטערנדיקער קלאפ. אונטערן מאנטל פון א „פארשנעלערטער אלגעמיינער דעמאביליזאציע" איז אויס־געפירט געווארן די שטראף פאר דער טעטיקייט פון דער יידישער בריגאדע אין אייראפע. נאך מער: די ענגלישע מאכט האט גוזר געווען, אז די זעלנער פון דער יידישער בריגאדע זאלן זיך אומקערן אין לאנד אן וואפן, אן מוגדיר און אן דער יידישער פאן.

ניט דא איז דער ארט צו באלויכטן די לעצטע פרשה פון דער יידי־שער בריגאדע, צו אנאליזירן די אלע אינערלעכע און אויסערלעכע גורמים, וואס האבן געבראכט צו איר אויפלייזונג, צו פארענטפערן די דאמאלסט ברענענדיקע פראגע, אויב אזוי האט זיך געמוזט און באדארפט אומקערן דער יידישער זעלנער אין זיין אייגענער היים.

ביי אלע חלוקי דעות וועגן אויפנעמען דעם עצם פאקט פון אויפלייזונג, זיינען דאך אלע געווען דורכגעדרונגען מיט געמיינזאמע געפילן פון צער און ווייטיק ביים שיידן זיך מיט די יידישע לאגערן.

די יידישע בריגאדע איז געווען פארבונדן מיט דעם יידישן לאגער דורך אומצערייסבארע פעדים, וואָס האבן זיך געצויגן פון דער ערשטער גורלדיקער באגעגעניש. זי האט אין די פינסטערע און פאריאושטע לאגערגעסלעך און באראקן אריינגעבראכט דאס ליכט פון האפנונג און פון באנייטן לעבנס=ווילן. זי האט אפעלירט צו די שענסטע און דערהויבנסטע אינסטינקטן פון כבוד און זעלבסט=בטחון, וועלכע היטלער האט ניט באוויזן צו פארניכטן. זי האט צעשפרייט די שווארצע וואָלקנס פון איינזאמקייט אין יתמות, וואס האבן געהאנגען אזוי שווער איבערן קאָפּ פון דער שארית הפליטה. אין ים פון אָנמאַכט איז די יידישע בריגאדע געווען אַן אויסדרוק פון יידישן כוח, צו וועלכן עס האבן געשטראמט די אלע וואס האבן באשלאסן צו לעבן און דורכהאלטן ווי יידן. אין די שולן, געגרינדעט דורך דער יידישער בריגאַדע, האבן אירע שליחים געלערנט די יידישע יוגנט די ליבע צום לאנד און צו איר שפּראַך. זי האט צוריקגעגעבן דאס ליד, די פון צער פארשטיינערטע הערצער, לעבנספרייד — די פון שקלאפן=ארבעט איינגעדארטע קערפערם.

זי האט דערצויגן די יוגנט צו שטאנדהאפטיקייט און ווידערשטאנד, צו העפלה און צו א ניי לעבן אין ארץ=ישראל. זי האט געזען אין דעם ייד דעם ברודער, און אין זיינע איבערלעבענישן דעם אייגענעם גורל. זי האט זוכה געווען צו דער גרעסטער ליבע און צוטרוי, וועלכע האט ווען עס איז באשאַנקען אַן ארץ=ישראלדיקע שליחות אין גלות.

און דערפאר איז אויך שווער און שמערצהאפט געווען דער אָפּשייד פון די לאגערן, קבוצי=הכשרה און קינדער=היימען אין איטאליע און דייטשלאנד, אין בערגן און אין בלאַנקענזע, פון די גרענעצן און וועגן, אויף וועלכע די יידישע בריגאַדע האט באגלייט די טריט פון יידישע מענער, פרויען און קינדער, וואס האבן ווי א ברויזנדיקע כוואַליע געשלאָגן צו די ברעגעס פון זייער באשטימונג.

3. ביי די קוואלן פון אחדות

אין יענע טעג פון „שטורם און דראנג“ — האט אין אלעמענס הערצער געלעבט א ח ד ו ת. ווי א צויבער־וואָרט האט עס געשוועבט אין דער פרילינגס־לופט פון באפרייאונג און געזאַמלט אין שוים פון דער אומה די קינדער פון שחיטה, שמד און חורבן. און אפשר דערפאר, ווייל די ניצול־געוואָרענע יידן האבן אליין געלעבט אין אָפּגרונט פון אָנמאכט און געזען טייכן פון בלוט, אָן אונטערשיד פון שיכט און פארטיי, און אפשר דערפאר, ווייל זיי זיינען אזוי לאנג געשטאנען איינזאם — אליין אין א וועלט פון פארניכטונג — האט זיי דער אינסטינקט פון יידישער גורל־שותפות געשטויסן מיט א באגייסטער קראפט צו פארלאָזן די ווייטעסטע עקן פון דער וועלט און אָנצושפאַרן דעם מידן רוקן אין די שוואַכע און ציטערנדיקע ווענט פון דעם יידישן כלל. און ווי שטארק איז געווען דער דאזיקער אינסטינקט, ווי טיף איינגעוואָרצלט אין דעם צעבלוטיקטן פאלקס־אָרגאַניזם, אויב ער האט זיך אנטפלעקט מיט איינמאל אין אזעלכע ווייטע און פארשידנאַרטיקע שטראָמען, ווי ס׳זיינען געווען די יידישע בריגאַדע, די פאַרטיזאַנען־באַוועגונג, די הסתדרות ציונית אחידה, די יידישע וואנדערער פון פרעמדע און ווייטע וועגן.

יידישע אחדות האט אויסגעשפּראָצט פון די אונטערערדישע קוואַלן פון דער אנגעווייטיקטער און פארפייניקטער נשמה. יידן האבן געהאט אן אויסוואל: זיין צוזאמען און טראגן דעם יידישן גורל — טראָגן אלעמען — ביז צום סוף אדער דערשטיקן אין זיך די יידישקייט פאר דאס רעכט צו לעבן אין א פרעמדער געזעלשאפט. ס׳האבן ניט געפעלט פאַלן פון זעלבסטפארניכטונג, וואָס זייער מקור איז געווען די אילוזיע, אז די זון פון באפרייאונג האט אויפגעשיינט פאר אלעמען. באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז יידן האבן ניט קיין אויסוואַל, אז דער אויסוואַל איז בלויז א טעאָרעטישער. די זון פון באפרייאונג האט קיינמאל ניט אויפגעשיינט אויף דער גאס פון דער שארית הפליטה. בלויז צופעליקע רעפלעקסן פון פרעמדע שטראַלן האבן פון צייט צו צייט באלויכטן די חורבות פון יידישן גלות־לעבן.

דער יידישער לאגער אין דייטשלאנד, פונקט ווי אין גאנץ אייראפע, איז קיינמאל ניט באפרייט געוואָרן.

די טראגישע איבערלעבענישן פון דעם נאענטן עבר האבן געשפייזט די יידישע אחדות און געגעבן איר א מאָראַלישע קראַפט, וואָס האט גע־

בונדן די יידישע וואנדער־מאסע און ניט געלאָזט, אז זי זאָל ווידער צעריבן ווערן אין מענטשן־שטויב. דאס איז געווען די שענסטע און צארטעסטע אנטפלעקונג, וואס האט אויפגעבליט אויף די חורבות פון יידישן קיום. דאס איז געווען דער מעכטיקער פראָטעסט קעגן יידישער אָנמאכט, דער רוף פון באנייטן יידישן לעבנס־ווילן, די בענקשאַפט נאך א יידישן כוח, די אמונה אין אַן אמתער און גיכער באפרייאונג דורך ארץ־ישראל.

דער גורל האט געוואָלט, אז די דאזיקע קוואַלן זאלן אויסשפּראָצן דווקא אויף דער דייטשער ערד און אז דער נאַכט־אזיל פון די יידישע וואַנדערער זאל אויסקומען דווקא אין קברים־שאָטן פון זייערע נאענטסטע.

דאָ, אויף דער דייטשער ערד, האט זיך אָפּגעשטעלט דער מעכטיקער וואנדער־שטראָם, אָנגעלאדן מיט ברויזנדיקער קראפט, וואס האט ניט געפונען זיין נאטירלעכן, אורשפּרינגלעכן אפּפלוס.

דאָ האט געשלאָגן דער פולס פון די לאנגע וואנדער־נעכט, אין וועלכע א פאָלק האט געקעמפט פאר זיין אמתער באפרייאונג.

דא האט נאך געשוועבט דער גייסט פון די פעלדער און וועלדער, איבער וועלכע יידישע פרויען און קינדער האבן געטראָגן די פאָן פון ווידערשטאַנד, פון א יידישער מלחמה, וואס האט זיך ווייט ניט פארענדיקט. יידן פון קאזאכסטאן און אוראַל, פון אוקראַאינע און סיביר, פון פוילן און אונגאַרן — זיי אלע האבן געשטראָמט צו דעם גרויסן זאַמל־פונקט פאר א נייעם יידישן עקזאָדוס. אין זיי אלעמען האט געלעבט דער באגער צו אַן אייגן לאנד.

נאך קיינמאל איז ארץ־ישראל ניט געווען אזוי נאענט צו די הערצער פון די יידישע מאסן, ווי אין יענע טעג פון חורבן און באפרייאונג.

חלוציות איז געוואָרן דער קנין פון דער יידישער מאמע, וואס האט מיט איר קינד אין די אָרעמס געשפּאַנט קיין ארץ־ישראל. די צעבלוטיקטע רעשטלעך פון דעם מיליאָנען־קיבוץ איז אייראפּע האבן געשעפּט טרייסט און בטחון אין ציוניזם — דאס איינציקע וואס זיי איז פארבליבן אין דער וועלט פון פארניכטונג.

און נאך קיינמאל האט דער חלוצישער גייסט ניט אדורכגעדרונגען א גאַנץ פאָלק, ווי אין יענע טעג פון יידישן מאַרש־שטורם איבער לענדער און גרעניצן

4. הסתדרות ציונית אחידה

די פּאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין
דייטשלאַנד איז אַנטשטאַנען גלייך אין די ערשטע וואָכן נאָך דער באַפריי=
אונג — אַלס ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון די אַלע איבערלעבענישן, וואָס
האָבן געשמידט די שיקזאַל=געמיינשאַפט פון די געליטענע און דאָן פון די
ניצול=געוואָרענע ייִדן. אין ערשטע אידייאיש=פּאָליטישע „פּלאַטפאָרם" איז
געווען אַזוי פּשוט און איינפאַך ווי קלאָר עס איז שוין דאָן געווען די נייע
יידישע ווירקלעכקייט אין די גאַנצע אַרומיקע סביבה.

מענטשן פון פאַרשידענע ציוניסטישע ריכטונגען ווי אויך די וואָס
זיינען קיינמאָל ניט געווען טעטיק אין פּאַרטייען, האָבן געלייגט די יסודות
פון דער הסתדרות ציונית אחידה.

פיל פון זיי האָבן געהאַט הינטער זיך יאָרן פון אומלעגאַלער ציוניס=
טישער טעטיקייט אין די געטאָס און קאַצעטן און האָבן ווייטער פאָרגעזעצט
אויף דער פריי, אויסנוצנדיק זייער דערפאַרונג און די ווייניקע כלים וואָס
זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער אונטערערדישער אַרבעט.

די מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון די טויטן=לאַגערן, נאָך 6 יאָר
פון אומגעהויערע ליידן, זיינען געווען צעבראָכענע שאַרבנס, בלוטנדיקע
רעשטלעך פון שטעטלעך און פאַמיליעס א המון פון מענטשן=שטויב, אָרעם,
נאַקעט און באַזיצלאָז.

א קאַלטע וועלט האָט זיי באַגריסט אויף דער שוועל פון באַפרייאונג
דער גלויבן, אַז די מענטשהייט וועט טראָגן אויף די הענט די לעצטע, אויס=
געמאַטערטע קינדער פון א פאַרניכטעטן פאָלק, האָט געפּלאַצט אכזריותדיק.

איין האָפענונג האָט אויפגעשיינט פאַר זייערע אויגן: ארץ=ישראל.

איז דען א וואונדער אַז אין אַזאַ מצב האָבן מענטשן געוואָלט זיין צו=
זאַמען און מיט געמיינזאַמע כוחות אוועקגיין וואָס ווייטער פון דעם תהום
פון פאַרניכטונג?

איז דען צו שטוינען, אַז זיי האָבן געשטילט זייער לאַנגיאָריקן דורשט
ביי די קוואַלן פון אחדות, וואָס האָבן אויסגעשפּראָצט פון געמיינזאַמע
איבערלעבענישן, פון געמיינזאַמער איינזאַמקייט און טיפער אמונה אין
א באַלדיקער יציאת אייראָפּע?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אויף א ווײַלע, אַז די דאָזיקע האַלב=לעבעדיקע
מענטשן=שאָטנס הויבן זיך אָן צו פאַרטיילן אויף פּאַרטייען און לייגן אַר=

די רעשטלעך פון זייערע כוחות אין א ביטערן פּאַרטיי=קאַמף. לאָמיר זיך
אויסמאָלן אין אונדזער פאַנטאַזיע דעם דאָזיקן שדים=טאַנץ צווישן די
פרישע קברים, בכדי צו פאַרשטיין, ווי פרעמד עס קלינגען די טענות פון
די אלע, וואָס מאָגען נאָך אַלץ די קריוודע פון די פּאַרטייען גלייך נאָך דער
באַפרייאונג.

ניט די ראַם איז אין יענע טעג געווען דער עיקר; גרעסערע און
טייערע זאַכן זיינען חרוב געוואָרן. דער עיקר איז געווען די אידיי פון דער
שארית הפליטה, אירע טראַגישע איבערלעבענישן, וואָס האָבן סיי ווי סיי
געפירט צום אַרבעטנדיקן ארץ=ישראל. בלויז אינערציע און פּסעוודאָ=פּאַר=
טייאישע עסטעטיק האָבן געקענט קלאָגן אויף דעם מאַנגל פון ראַם, אַנשטאָט
זיך אָנצוכאַפּן אין דעם שפע פון געדאַנקען און כוחות וואָס האָבן אויסגע=
שפּראָצט נאָך דעם חורבן און געגאַרט נאָך אַן אויסלייזנדיקער האַנט.

יעדעס מאָל, אין א צייט פון איבערגאַנג, ווען שטורמישע כוואַליעס
ברענגען צום פאַרשיין נייע כוחות און אידייען, שטאַרקט זיך אויף א נאַ=
טירלעכן אופן דאָס קנעכטישע קלאַמערן זיך אין א ראַם, אַלס אָנשפּאַר
אויף דעם וואַקלפולן באָדן.

קיינער וועט ניט מזלזל זיין אין דעם כוח און ווערט פון א ראַם.

דער טראַגישער אמת איז אָבער, אַז דאָן האָבן אַלע אָן אויסנאַם
פּאַרטיי=ראַמען מפגר געווען אין באַצוג צו דער אידיי פון יידישן לעבן,
ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער תקופה פון חורבן און אין טעג פון באַ=
פרייאונג.

אחדות איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע וואָרט פון דער
התאחדות ציונית אחידה.

דער ערשטער אימפּולס פון דעם באַפרייטן יידישן מענטש איז געוואָרן
דער באַוווסטזיניקער אני מאמין פון ברייטע פאָלקס=שיכטן.

דער ערשטער ציוניסטישער צוזאַמענפאָר אין דייטשלאַנד, יוני 1945,
רופט די שארית הפליטה צו לערנען פון דער קאַטאַסטראָפע און ציען פון
איר די איינציק=געהעריקע מסקנה: די ליקווידאַציע פון גלות.

דאָן, אין יענע טעג, זעט די פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע
אין דייטשלאַנד 3 דרינגנדע און צענטראַלע אויפגאַבן פאַר די ניצול=געוואָ=
רענע יידן: א) די שליחות פון אחדות אין ארץ=ישראל, ב) דאָס אַדורכ=
פירונגען דעם באַוווסטזיין פון ישוב מיט דער גרויס פון דער קאַטאַסטראָפע
אין גלות, ג) די סאָציאַלע רעגענעראַציע פון דער שארית הפליטה אין לאַנד.

נאָר דער, וואָס האָט געגלויבט אין דעם מאָראַלישן כוח פון זיינע איבערלעבענישן, האָט געקענט שטרעבן „אַרויפצופירן דורך דער עליה פון דער שארית הפליטה דעם שטעמפּל פון אייניקייט אויפן ישוב...”.

ניט געווען אין דעם קיין שמץ פון האָפערדיקייט אָדער פון א „העבער מיסיע” כלפי דעם ישוב. דערמיט איז געבראַכט געוואָרן צום אויס=
דרוק דער תמצית פון יענע גרויליקע טעג און נעכט, אין וועלכע עס זיינען

געבוירן געוואָרן סיי דער ווילן איבערצולעבן און סיי דער באַגער אויפדאסניי, גאָר אַנדערש צו לעבן.

די הסתדרות ציונית אחידה האט ניט געהאט קיין פּאַרטיקן אוצר אויף צו שעפּן פון אים ווערטער, וואָס זאָלן אויסדריקן געטריי די געפילן און געדאַנקען פון דעם חורבן־דור. זיי זיינען געקומען געוואָרן פון אייגענע און געמיינזאַמע איבערלעבענישן. נאָר ווער עס האָט געפילט ווי שוואַך מיר זיינען, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנצער תמצית פון חכמת ישראל איז געלעגן אין דעם וואָרט: צוזאַמען; אין אים האָט זיך אַנטפּלעקט דער יידישער פאָלקס־זשעני נאָכן בלוט־מבול. דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיווער אויסדרוק פון אַ שטאַרקן און געזונטן מאַסן־אינסטינקט.

מיר האָבן געזען אין דער שארית הפליטה אַן אייגנאַרטיקן און באַזונדערן גורם. וועלכער איז, דורך אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן, באַרופן אָביעקטיוו בייצושטייערן צום ציוניסטישן געראַנגל אַ גרויסן און ווערנטלעכן צושטייער. ניט קיין אויסדערוויילטער קבוץ און ניט קיין בלויזער רעזערוואַר פאַר פּאַרטיי־רעגיסטראַציע, נאָר אַ נייער און וואָגיקער כוח, וועלכער איז דורך דעם גורל אַליין באַשטימט געוואָרן צו דערפילן אַ גרויסע שליחות אין יידישן לעבן.

וואָס האָבן אַנדערע באַנייט אין אַ צייט, ווען אַלץ אין יידישן און אַרומיקן לעבן האָט זיך אַזוי ראַדיקאַל געענדערט?

זיי האָבן גאַרניט געלערנט און גאַרניט פאַרגעסן; זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין אותיות, וואָס זיינען שוין לאַנג אויסגעמעקט געוואָרן פון אַלפאַבעט און פאַרביטן געוואָרן אויף נייע, גאָר אַנדערע. זיי האָבן זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעצויגן פון זייער וואַנדער־זאַק פּאַרטיקע קאָפּיעס פון אַלטע פאָרמולעס. די מלחמה אַליין איז געווען פאַר זיי בלויז אַ הפסקה, נאָך וועלכע דאָס יידישע לעבן דאַרף זיך אומקערן צום אַלטן; און מען מוז מודה זיין, אַז אַלץ האָבן זיי געטאָן, בכדי עס זאָל זיך באמת צום אַלטן אומקערן!

איז עס געווען טרייקייט צו די גרונט־ווערטן פון דער באַוועגונג? אָדער גיכער אומפעאיקייט צו באַנייען און באַרייכערן זייער תוכן אין שיין פון דער ווירקלעכקייט?

בעת אַנדערע האָבן געהאַט אָדער נעגלויבט צו האָבן די פּאַרטיקע פאָרמולעס, איז די הסתדרות ציונית אחידה דערגאַנגען צו אירע אמתן אויף אַ מיזאַמען וועג פון אומאויפהערלעכע זוכענישן נאָך דעם טרייען, ניט־געפעלשטן אויסדרוק פון אַ תקופה, אין וועלכע זי איז געווען באַרופן צו לייטן און פאָרעמען דאָס צוריק־אויפוואַכנדע יידישע לעבן.

די אחדות־אידייע פון דער הסתדרות ציונית אחידה איז ניט געווען אַן אַבסטראַקטע; זי האָט געהאַט אַ קלאָרן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן תוכן. ווי הימל און ערד איז זי ווייט געווען פון דעם סאָרט פון „אחדות ישראל”, וואָס האָט געדינט אין באַשטימטע קרייזן אַלס מיטל אויף צו פאַרגליווערן דאָס יידישע לעבן. אייך איז זי ווייט ניט געווען [illegible] אומצוקערן

צו דער פרע-היסטאָרישער תקופה פון ציוניזם, אין וועלכער סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין ארץ-ישראל האט נאך ניט באוויזן צו באאיינפלוסן די פּאָליטיש-פּארטייאישע געשטאלטונג פון יידישן לעבן אין גלות.

די קאנפערענץ אין לאנדסבערג, סעפטעמבער 1945, באשטימט די פּלאַטפאָרם פון דער באוועגונג אין איר אנטגילטיקער פארם: 1) יידישע מדינה, 2) ארץ-ישראל אויף סאציאליסטישע יסודות, 3) זעלבסט-ארבעט, 4) אנגעהעריקייט צו אן איינהייטלעכער הסתדרות-העובדים, 5) דעראבערונג פון ארבעט, 6) פריווילעגיע פאר לאנד-ווירטשאפט, 7) פיזישע, גייסטיקע און מיליטערישע הכשרה, 8) ארבעטנדיקע-קאָלאָניזאַציע, 9) קעגנזייטיקע הילף און קאָאָפּעראַציע, 10) העברעאישע שפּראַך און קולטור, 11) עליה ביי אלע באדינגונגען.

יעדער ארבעטער-פּארטיי, וואס האט געטראגן איר טראדיציאָנעלן נאמען, האט געקענט שטאלץ זיין אויף אזא פּלאַטפאָרם. נאך מער: די זעלבע הסתדרות ציונית אחידה, וואס איז אפט באשולדיקט געוואָרן אין מטשטש זיין ווערטן צוליב איר אלגעמיינעם כאראקטער, איז געווען די איינציקע, וואס האט קלאר און ניט צוויי-דייטיק געפּריידיקט אירע אמתן. נעמט דעם „השומר הצעיר": וויפל האט ער משמיע געווען אין די לאגערן פון זיין מארקסיסטישער אויפפאסונג אדער זיין בי-נאַציאָנאַלער קאנצעפּציע? אזוי ווי די געדאנקען וואָלטן געווען באשטימט נאר פאַרן אייגענעם געברויך אין ארץ-ישראל. אדער נעמט די פּועלי ציון (לינקע): וויפל האבן זיי אויפגעקלערט דער שארית הפליטה פון זייער וועג צווישן די צוויי וועלט-מלחמות? ניט רעדנדיק שוין וועגן די פּועלי ציון (צ.ס.), וו דער טראגישער פּלאָנטער פון שפּאַלטונג האט גורם געווען צו א פארטושונג פון די יסודותדיקע ווערטן פון ארבעטנדן ארץ-ישראל. אין ווי שטיל און כמעט אומבאמערקט האבן געוויסע פּארטייען אנגעהויבן צו באנוצן זיך אין די לאגערן מיט דער בלוי-ווייסער פאָן, די זעלבע, וועגן וועלכער אזוי פיל בייז בלוט איז אמאָל פארגאָסן געוואָרן אין דער ציוניסטישער ארבעטער-באוועגונג אין פּוילן. איז דאך פארגעקומען א שינוי זייטן יאר 1939 און האט דאך עפּעס פּאסירט זייט דאַן אין יידישן לעבן. נאר געפעלט האט דער מוט אויפצוקלערן צווישן זיך און אנדערע דעם תוכן פון די דאזיקע שינויים, טאמער וועט פאלן א שאָטן פון „ניט-אויסגעהאלטנקייט" אויף דער אדער יענער פּארטיי...

טרעגער פון פּארטיי-קאנסערוואטיזם און פּסעוודאָ-פּראָלעטארישער עסטעטיק וועלן קיינמאל ניט מודה זיין, אז דער איינגטלעכער אמת פון א באוועגונג ווערט געפּרווט דורך דער פעאיקייט פון אירע טרעגער צו באגייען און באררייכערן אירע ווערטן אין שיין פון דער ווירקלעכקייט.

דער פּונקט 2 פון דער לאנדסבערגער פּלאטפאָרם, וואס רעדט וועגן „בויען ארץ-ישראל אויף סאציאליסטישע יסודות", איז ממש אן אנטפּלעקונג אין אן ארגאניזאציע, וועלכע נעמט ארום אלע יידן אן אויסנאם. פריידיקן סאציאליזם אין די ד' אמות פון אַן אייגענעם פּארטיי-

...אַ האָט ניט געפּאָדערט קיין שום ספּעציעלן צוגאַנג צו דעם יידישן לעבן נאָכן חורבן. קומען אָבער גלייך אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפרייאונג צו אַ המון פון סתם־יידן און יוגנט, אָפּגעריסענע פון דער וועלט און פון ארץ־ישראל, און מאָביליזירן זיי אַרום די פּענער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, הסתדרות העובדים און חלוצישער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, איז געווען אַ היסטאָרישע דערגרייכונג פון דער הסתדרות ציונית אחידה. איר טרייקייט צו דער אידיי האָט פאַרברייטערט די ראַם און דעראָבערט פאַר דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם מאַסן, וועלכע וואָלטן קיינמאָל צו אים ניט געקומען אויף אַנדערע וועגן. די הסתדרות ציונית אחידה האָט פאַרשטאַנען, אַז דער נאַטירלעכער און איינציקער וועג פון דעם חורבן און באַזיצלאָזן יידישן המון איז דער וועג פון סאָציאַלער באַנייאונג דורך אַרבעט און שאַפונג. אין דעם גייסט האָט זי געווירקט און מאָביליזירט די מאַסן פון דער שארית הפליטה.

די ערשטע מועצה אין פראַנקפורט, אָקטאָבער 1945, שטעלט פעסט, אַז „די הסתדרות ציונית אחידה של שארית הפליטה בגרמניה זעט זיך אין צוקונפט אין אַרבעטער־לאַגער אין ארץ־ישראל"...

און אויף דער קאָנפערענץ אין פראַנקפורט, סעפּטעמבער 1946, הייסט עס:

„די קאָנפערענץ דריקט אויס איר אומדערשיטערלעכע אמונה אין דער ציוניסטישער שליחות פון דער שארית הפליטה אַלס פּאָליטישער גורם אין ציוניסטישן געראַנגל, אַלס אויפבוי־פאַקטאָר אין לאַנד, אַלס טרעגער פון אַ גרויסער און אמתער אחדות, וואָס איז באַזירט אויף די יסודות פון ציוניסטישן אני מאמין פון דער שארית הפליטה:

יידישע מדינה, די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַנייאונג פון יידישן לעבן אין ארץ־ישראל, די איינהייט פון ישוב און פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער־קלאַס".

אחדות פון יידישן אַרבעטער־קלאַס איז געווען איינע פון די הויפּטפּונקטן אין דער וואַל־פּלאַטפאָרם פון דער ה. צ. א. צום 22־טן ציוניסטישן קאָנגרעס.

און ווידער די זעלבע דערשיינונג, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים אין דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן געוועב פון דער שארית הפליטה:

בעת די פאַראייניקטע־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד האָט דערצווינגען אין גייסט פון אַרבעטער־אחדות, האָבן אַנדערע באַנוצט זיך פאַר זייערע ענג־פּאַרטייאישע אינטערעסן מיט אירע אויסערלעכע פאָרמען און סימבאָלן. זיי האָבן אויסגענוצט די ריין־פאָרמעלע אומפּאַרטייאיקייט פון דער ה. צ. א. צו דעקלאַרירן איר אָנגעהעריקייט צו דער „ליגע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל" און האָבן זי פאַרכאַפּט, פאַרוואַנדלענדיק די ליגע ...יז אַ צעשטערערישן קאַמפּס־בלאָק קעגן דער ה. צ. א. ניט דאָס דערציען ...יטיק פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל. ניט דאָס אויפקלערן

די ווערטן און אויפטועז פון דער הסתדרות העובדים, איז געווען דער צוועק פון דער דאזיקער „ליגע". שפּאַלטונג און קליינלעכע פּאַרטיי־פּאָליטיק איז געטריבן געוואָרן אונטערן מאַנטל פון אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַמאָל טייער געווען די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען א מינדערהייט אין דער הסתדרות העובדים, און וואָס זייער גאַנצער מהות און טעטיקייט אין די לאַגערן איז געשטאַנען אין סתירה צו דעם גייסט און באַשלוסן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל — האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט אַריינצוציען דאָס העכסטע און דאָס הייליקסטע אין דעם ביטערן ברודער־קאַמף וואָס האָט צעזעצט דעם שוואַכן געזעלשאַפטלעכן בנין פון דער שארית הפליטה.

ווען מיר באַטראַכטן היינט דעם טייוול־צוג פון שפּאַלטונג וואָס האָט געפייערט זיינע גרעסטע נצחונות דווקא אויף די חרבות פון יידישן לעבן, מוז מען קומען צו דער מסקנה, אַז ניט ווייניק באַצילן פון מלחמה און פון אירע באַגלייט־דערשיינונגען, פון צעפּאַל און שנאה האָבן אָנגעשטעקט אונדזער בלוט און פאַרדאָרבן אונדזער נשמה.

וויל מיט וואָס דען אַנדערש לאָזט זיך דערקלערן די שרעקלעכע און שמערצהאַפטע צעריסנקייט פון א יידישן שפּליטער־קבוץ אין פּוילן, דווקא נאָך דעם, ווי ער איז באַרויבט געוואָרן פון דריי מיליאָנען יידן? ס'האָט אויסגעזען, ווי א דיבוק פון זעלבסט־פאַרניכטונג וואָלט באַהערשט געוויסע קרייזן און געהייסן זיי שפּאַלטן און אַטאָמיזירן דאָס שוואַכע און ציטערנדיקע יידישע לעבן. די שפּאַלטונג אין ארץ־ישראל האָט געשפּייזט און געהייליקט דעם צעברעקלונגס־פּראָצעס פון דעם צעפּליישטן און ביז צו טיפסטע שרשים אויפגעטרייסלטן פאָלקס־אָרגאַניזם.

אין דער שפּאַלטונגס־טעטיקייט איז געווען א סיסטעם. זי האָט פאַנאַנדערגעריסן די נאָענטסטע, אָפּגעמעקט געמיינזאַמע יאָרן אין געטאָ, וואַלד, בונקער און קאַצעט; אויפגעשטעלט מחיצות צווישן חלוץ און חלוץ, אויסגעקריצט אויף דער „טאַבולאַ ראַזאַ" פון קינדערישן באַוווסטזיין די מאָראַל פון שנאה.

אפילו חברים פון „דרור" און „השומר הצעיר", וואָס האָבן ערשט נעכטן געלעבט אין געמיינזאַמע קבוצי הכשרה, זיינען געצוווּנגען געוואָרן צו שיידן זיך מיט האַס און פאַרביטערונג. קליינע קינדער, וואָס האָבן נאָך גוט ניט געוווּסט דעם אלף־בית, זיינען אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט ניט פאַרשטענדלעכע פאַר זיי לאָזונגען און פאָרמולעס. א פּריוואַט־אייגנטום פון דער באַוועגונג זיינען זיי געוואָרן, אַלס פּרייז פון הצלה. זייערע דערציער אין אַפּטרופּסים האָבן באַשלאָסן, אַז זיי — די קינדער — טאָרן קיינמאָל ניט זיין צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע קינדער אין געמיינזאַמע קינדער־אַנשטאַלטן.

אזא דערציאונגס־שיטה האָט פאַרלאַנגט שטרענגע זעלבסט־איזאָלאַציע און פעסטע „סאַניטאַרע קאָרדאָנען" צווישן זיך און אַנדערע. פון פאַראויס אין פּוילן, האָט מען געהאַט באַשטימט דעם הכשרה־פּלאַץ אָדער קינ־

דער־היים אין בייערן, און דאן מאָביליזירט דעם גאנצן בלינדן פאנאטיז־ פון יוגנטלעכע און קינדער אויף צו דעראָבערן די באצייכנטע „פּאָזיציעס".

שפּאַלטונג האט זיך ניט גערעכנט מיט דער אויפנאמע (קליטה), פּונקט ווי זי האט זיך קיינמאל ניט גערעכנט מיט דער בריחה.

זי האט אויך ניט געשוינט די יידישע פראָנט־קעמפער און פּארטיזא־ נער. זייער איינהייטלעכע ארגאניזאציע אין דייטשלאנד איז געשפּאָלטן געוואָרן אויף א באפעל פון אויבן, הגם זיי אלע האבן געוואָלט זיין צוזאמען און פארזעצן די אחדות פון יידישן ווידערשטאנד. די פירער פון דער סיה ב' אין פּוילן האבן געפאדערט שפּאַלטונג אויף דער גאנצער ליניע. ניט געווען קיין שום סיבה פאר דער דאזיקער שפּאַלטונג, א חוץ די אינ־ טערעסן פון די שפּאַלטער אליין. די מכלומרשטע שטערונג פאר אחדות — די פארבונדקייט פון די יידישע לוחמים מיט „נוח'ם" און „הסתדרות ציונית אחידה" — איז באזייטיקט געוואָרן אויף דעם געמיינזאמען כינוס פון די יידישע פּארטיזאַנער מיט דער באטייליקונג פון די שליחים פון דער יידי־ שער בריגאַדע אין חודש מערץ 1946. דער צוזאמענפאר האט אויפגענומען מיט גרוים באגייסטערונג די פאדערונג צו אחדות פון אלע יידישע קעמפער. און דאך — מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער — איז די באוועגונג געשפּאָלטן געוואָרן.

די זעלבע שיטה איז נאך פריער אנגעווענדעט געוואָרן אין די חלו־ צישע רייען. א קאָנצענטרירטע אַטאַקע פון האַס און פארלוימדונגען איז אנגעגאנגען קעגן „נוח'ם", וועלכער האט געזען זיין חלוצישע שליחות אין דער פאראייניקונג פון דער יוגנט פון דער שארית הפליטה און אין דער־ ציען זי צו אַן ארבעטס־לעבן אין לאנד, אין גייסט פון דער יידישער קאמונע און פון דער ארבעטער־אחדות אין ארץ־ישראל.

שווער צו באנעמען דעם חורבן פון הערצער און די פארוויסטעניש פון נשמות, וועלכע ס'האט פאראורזאכט די שפּאלטונג, דאן ווען יידן האבן געלעכצט נאך אחדות און גענויטיקט זיך אין איר, בכדי אדורכצוהאלטן. זי האט באוויזן אויסצולעשן די ווינציקע פונקן פון צוטרוי און ברידערלעכ־ קייט. זי האט פארדארבן און נעצווונגען צו שקר מענטשן, וואס האבן זיך געמוזט באגוצן מיט דעם וואפן אין קאמף קעגן שונא און האבן געגלויבט, אז איצט נאך דער באפרייאונג, וועלן זיי שוין מער ניט דארפן דאס טאן. דאס איז געווען א „חורבן אין חורבן", וועלכער האט אנגערירט די סאמע שרשים פון יידישער שטאנדהאפטיקייט אין די מטורפדיקע טעג פון שפּאנונג און פארווירונג נאך דער באפרייאונג. נאך איז דער חשבון פון שפּאלטונג ווייט ניט אפגעשלאסן.

דער רוף צו אחדות פון דער ה. צ. א. איז ניט געגאנגען לאיבוד. ער האט געפונען דעם טיפסטן און שטארקסטן אפקלאנג צווישן די ברייטסטע מאסן פון דער שארית הפליטה.

און ניט קיין צופאל איז עס געווען, וואס דער רוף צו אחדות איז איינ־ צייטיק געווען דער רוף צום ציוניסטישן גערא נגל פאר א יידישע מדינה, דער

רוף צו א נייער פאלקס=זאמלונג פאר דעם גרויסן און ענטגילטיקן עקזאדים. ווייל נאר אין גייסט פון אחדות האט געקענט צוריק איינגעפלאנצט און גע= שטארקט ווערן די אמונה אין ציוניזם און אין ארץ=ישראל, דער ווילן צו ווידערשטאנד, די חלוצישע טאט.

אן ארגאנישער טייל פון דעם יידישן לאגער איז געווען די הסתדרות ציונית אחידה — פלייש פון זיין פלייש, בלוט פון זיין בלוט. און ווען עס האבן זיך באוויזן ערנסטע שפאלטן אין איר בנין, איז געווען דאן קלאר. א= דאס זיינען שפאלטן אין בנין פון דער גאנצער מחנה.

5. איבערברוך און איבערגאַנג

די קריזע פון דער הסתדרות ציונית אחידה, וועלכע איז אמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק ביי די וואלן צום 22־טן ציוניסטישן קאנגרעס, האט געהאט אירע שרשים אין די ענדערונגען אין לעבן פון יידישן לאגער אין דייטשלאנד.

א יעדע קריזע — אומאפהענגיק פון איר כאראקטער — איז א רעזולטאט פון א מין ווידערשפרוך צווישן אביעקטיווע נויטווענדיקייטן און סוביעקטיווע מעגלעכקייטן. פאליטיש־געזעלשאפטלעך גענומען איז עס די סתירה צווישן די אביעקטיווע ווערטן פון א געזעלשאפט און אירע טרעגער — די סוביעקטיווע גורמים. דאס איז דער אייביקער קאנפליקט צווישן מענטש און אידיי, וועלכע גייט ווייט פאראויס און קען ניט דעריאָגט ווערן דורך איר טרעגער און פארווירקלעכער. אין דעם קאנפליקט ליגט די גרויסע טראגעדיע פון דער סאציאליסטישער באוועגונג און דער שליסל צו אירע מיסערפאלגן. די סאציאליסטישע אידיי אלס אויסדרוק פון אביעקטיווע נויטווענדיקייטן אין דער מאָדערנער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז פון לאנג רייף געווארן פארווירקלעכט צו ווערן. געפעלט האט די גענוגנדיקע רייפקייט פון איר פארווירקלעכער — פון דעם ארבעטער־קלאס און די דעקלאסירטע מאסן. זייער באוואוסטזיין איז ניט געגאנגען טריט ביי טריט מיט דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, וועלכע האט די סאציאליסטישע אידיי געמאכט פאר א נויטווענדיקייט.

נאך מער איז די דאזיקע קריזע בולט אין ציוניזם, וועלכער מוז אפעלירן צום באוואוסטזיין. פרייוויליקייט און פערזענלעכער קרבנות גרייטקייט אין א סך א גרעסערער מאס ווי דער סאציאליזם. דער ווידערשפרוך צווישן דער אביעקטיווער נויטווענדיקייט צו ליקווידירן דעם גלות און אויפשטעלן אן אייגענע היים און צווישן דעם ניט גענוגענדן פאלקס־ווילן און פאלקס־באוואוסטזיין דאס צו פארווירקלעכן, שטעלט מיט זיך פאר דעם אמייסטן טראגישן קאנפליקט אין דער יידישער גלות־געשיכטע.

דער חורבן האט אנטפלעקט טיפעווארצלען פון אמתן און ווערטן, וועלכע בילדן די נשמה פון ציוניזם, וועלכע זיינען אבער מיט דער צייט געווארן טויטע, ניט פארבלייבנדע ווערטער. אין די יארן פון פארניכטונג האבן די

אמתן אויפגעלעבט אין באוווסטזיין פון אלע מיט א באזונדערער קראפט פון זעלבסט־דערהאלטונגס יצר.

דאס איז געווען א ציוניזם פון טיפע נאציאנאלע אינסטינקטן, ווי ער איז דערשינען ביי די ערשטע אבות פון דער ציוניסטישער אידיי. בוואליעט פון מבול האבן אפגעשווענקט פון אים די שאלעכץ, וועלבע איז אנגעוואקסן אין גלות און פארבארגן זיין אייגנטלעכן קערן. צונגען פון פייער האבן אים געלייטערט און געשמידט זיין פאנצער פאר א נייער, איבערמענטשלעכער פארמעסטונג. ווו נאך ערגעץ, אין א וועלכן יידישן קבוץ אין גלות, איז דאס באוווסטזיין פון די עלעמענטארסטע און איינצייטיק טיפסטע אמתן פון ציוניזם, געווען אזוי שארף און אומדערשיטערלעך, ווי צווישן די רעשטלעך פון אייראפעאישן יידנטום?

דא זיינען אלטע פארגעסענע ווערטן געווארן דער קנין פון א גאנצער מאסע; דא זיינען פארברענט געווארן אילוזיעס, וואס האבן איינגעשלונגען אזויפיל קרבנות; דא איז צו א פאן געווארן דער אמתער, פרימיטיווער אור־שפרינגלעכער ציוניזם — דער ציוניזם פון חיסול הגולה, פון ווידערשטאנד און עקזאדוס.

אט די דאזיקע ווערטן האבן געקענט פארוואנדלען די שארית הפליטה צו א יואגיקן, אביעקטיוון גורם אין דעם פראנט פון ציוניסטישן געראנגל.

אין דער זעלבער צייט אבער זיינען פארניכטעט געווארן מענטשלעכע כוחות, וואס זאלן זיין בכוח צו טראגן און צו פארווירקלעכן די אנטפלעקטע ווערטן.

ס'זעט אויס, אז בכדי ס'זאל באשטעטיקט ווערן אין באוווסטזיין פון פאלק די ריכטיקייט פון אן אידיי, דארפן פאלן פריער אזעלכע גרויזאמע קרבנות!

די אינערלעכע קריזע פון דער שארית הפליטה איז געקומען צום פארשיין גלייך נאך דער באפרייאונג:

דער טיף גרייפנ־דער יוידערשפרוך צווישן די גרייסע ציוניסטישע ווערטן, אלס פראדוקט פון חורבן און פון טראגישע איבערלעבענישן אין צווישן די ווינציקע און נישטיקע כוחות. וואס זאלן זיי אויסטראגן און פארוואנדלען אין אן ערנסטן ציוניסטישן גורם.

אפשר וואלטן געקלעקט די כוחות פאר אן איינמאליקער פארמעסטונג מיט אייסערלעכע שטערונגען און מכשולים, פאר א נאכט־אזיל אויף דער דייטשער ערד, פאר א שנעלן און באלדיקן עקזאדוס.

צו ווינציק זיינען זיי אבער געווען, בכדי אויסצישטיין א לאנג־דויערנדיקן קאמף, א סטאביליזירטן לאגער, א בהדרגהדיקע העפלה.

צווישן די חורבות פון נעכטן אין די פארשלאסענע טירן פון מארגן איז געשטאנען — דער יידישער לאגער. יאוש און פארצווייפלונג האבן אנגעהויבן אויסצופילן זיינע ווינקלען, אפאטיע האט נעגעסן זיינע כוחות. טיפע

איבערלעבענישן, וואס האבן ערשט נעכטן געצאפּלט פון גרויליקע זכרונות און געאטעמט מיט ריח פון א מעכטיקער פאלקס=וואנדערונג. איבער גרענעצן, האבן זיך ביסלעכווייז אנגעהויבן אויסצוועפן. פארטושט איז געווארן אין באוווסטזיין דאס בילד פון א באזונדערער יידישער געמיינשאפט, וואס פארטיידיקט איר אפגעזונדערטקייט קעגן דער וועלט מיט גייסטיקע און פיזישע שטאכל=דראטן.

דער יידישער לאגער האט אנגעהויבן צו לעבן זיין „נארמאלן" לעבן.

וואלטן די יידישע לאגערן געגאנגען קיין ארץ=ישראל גלייך מיט זייער באפרייאונג, וואלטן זיי אן ספק געווארן א וואגיקער גורם אין לעבן פון ארץ=ישראלדיקן ישוב.

ס'איז געקומען — און ס'האט געמוזט קומען — דער שטראם פון סאציאלער און פאליטישער דיפערענציאציע.

די שארית הפליטה אלס זעלבסטשטענדיקער גורם, וואס קאן אליין, מיט זיינע ווערטן און זיינע איבערלעבענישן אויספילן דעם תוכן פון זיין לעבן — איז געווען דענקבאר נאר אויף א קורצער איבערגאנגס=צייט. אויף א לענגערער מעטע איז דאס געווען אומעגלעך.

דער אויפלייזונגס = פראצעס פון יידישן לאגער איז געווען אומפארמיידלעך. די פראגע איז געווען, ווי אזוי אים אפצוהאלטן ביז דער וועג וועט פריי ווערן פאר דעם פולשטענדיקן עקזאדוס.

די שפאלטונג האט צוגעאיילט דעם דאזיקן אויפלייזונגס = פראצעס. אים קעגנווירקן האט געקענט נאר א גרויסע אפענזיווע פון אחדות, וואס זאל קומען פון ארץ=ישראל. זי איז ניט געקומען.

און דערווייל איז געשטיגן די כוואליע פון צעשטערונג און געשפענסטער פון עבר האבן אנגעהויבן בייצוקומען דעם גייסט פון דער שיקזאל=געמיינשאפט.

ס'איז געקומען דער שטראם פון פוילן און אין אים אויסגעפארמטע פארטיי=ראמען. ס'זיינען געקומען די פארטיי=חברים פון פוילן, וועלכע האבן בייגעטראגן זייער אידייאישן און גייסטיקן באגאזש צו דעם איבערבוי פון דער ה. צ. א.

די ווירקלעכקייט אין באוואריע איז געווארן פארטייאיש. די פארטייען האבן געהאט איין גרויסן יתרון כלפי דער הסתדרות ציונית אחידה: פעסטע ארגאניזאציאנעלע ראמען און די פארמעלע פארבונדנקייט מיט פאראלעלע כוחות אין ארץ=ישראל.

ביי די סטאביליזאציע פון יידישן לאגער אין דייטשלאנד, מיט אלע אירע באגלייט=דערשיינונגען, ביי דער מעכטיקער וואנדער=שטראם פון פוילן מיט זיינע ארגאניזאציע = פארמען פון געזעלשאפטלעכן לעבן — ביידע האבן פארלאנגט איבערצובויען די סטרוקטור פון דער הסתדרות ציונית אחידה, און דורך פעסטערע ראמען, שיצן אירע ווערטן, וואס זיינען אויסגעוואקסן אין באדן פון הרובן גלות און האבן זיך באשטעטיקט אין לעבן און שטרעבן פון דער שארית=הפליטה.

די צענטראלע אידיי איז געווען און איז פארבליבן די אידיי פון אחדות;

איר מקור — די איבערלעבענישן פון חורבן,
איר תמצית — דער סאציאליסטישער ציוניזם;
איר טרעגער — די גרויסע פאלקס־באוועגונג פון די רעשטלעך פון פאלק.

הגם ניט פארמעל, איז די הסתדרות ציונית אחידה פון ערשטן טאג פון איר אנטשטייאונג געווען פארבונדן מיט דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל, מיט איר גייסט, פראגראם און וועג. א באוועגונג, וואס איר נשמה איז געווען אחדות פון דער שארית־הפליטה. האט געקענט און געמוזט זיך אנשפארן אויף דעם איינציק־מעגלעכן פאראלעלן כוח אין ארץ־ישראל, וואס זיין גרעסטע שטרעבונג איז אחדות פון יידישן ארבעטער־קלאס און אחדות פון יידישן פאלק.

ס'איז ניט קיין צופאל, וואס די ה. צ. א. איז געוואָרן איינע פון די יסודות אויף וועלכע ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די פארטיי אין דייטשלאנד.

* * *

דער וועג פון דער הסתדרות ציונית אחידה איז היסטאריש בארעכטיקט.

קיין שום אנדערער כוח וואלט אין יענע צייטן ניט געווען בכוח צו זאמלען די רעשטלעך פונם גרויזאמען בלוט־שטורם צוריק אין א פאלקס־מחנה פון קאמף און בטחון. און אלס אזעלכע וועט די הסתדרות ציונית אחידה אייגנעקריצט ווערן אויף די בלעטער פון דער יידישער געשיכטע: אלס די מעכטיקע און וונדערבארע אנטפלעקונג פון באנייען יידישן לעבנס־ווילן נאכן חורבן!

6. די פארטיי פון הצלה

ווען אין פעברואר 1947 איז געגרינדעט געווארן די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „פּועלי-ציון (צ. ס.) - התאחדות", איז שוין פון לאנג אַלץ אַרום און געווען רייף פאר איר אנטשטייאונג. טיפע ענדערונגען זיינען פארגעקומען אין לעבן פון יידישן לאגער, וועלכער האט זיך אפגעשטעלט אין מיטן פון זיין וואנדער-וועג.

קורץ איז געווען דער „פרילינג פון באפרייאונג" אויף דער שמאלער גאס פון דער שארית-הפליטה; ווי קיינמאל ניט געווען, ווי אן אויסגעטראכטער חלום איז ער פארביי. נאך האט זיך זיין פרילינגס-ריח — אן אמתער אדער אן אויסגעבענקטער — געטראגן אין די לופטן, און שוין איז די לופט געווארן שטיקנדיק און ניט צו דערטראגן פאר די יידישע פּליטים. אפן איז געשטאנען דער טויער פון לאגער, נאר וואוהין צו גיין, איז ניט געווען.

און דאן איז קלאר געווארן פאר אלעמען דער גרויזאמער אמת, אז די זון פון באפרייאונג האט קיינמאל ניט אויפגעשיינט פאר דעם יידישן לאגער. בלויז צופעליקע רעפלעקסן פון פרעמדע שטראלן האבן פון צייט צו צייט באלויכטן די יידישע חורבות אין אייראפע.

ארום און ארום זיינען געלעגן — עלנט און מידקייט, אויסגערונענע חלומות און נאך ניט אויסגעלאשענע פונקן, וואס זייער גורל איז ניט באשטימט: צו גסיסה, אדער צו א נייעם אויפלאקערנדן פייער.

אין דעם לעצטן אויפרוף פון דער הסתדרות ציונית אחידה, ערב דער גרינדונגס-קאנפערענץ פון דער פארטיי, ווערט די לאגע אין יענע טעג אנאליזירט פאלגנד: „די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין ארץ-ישראל האט אוועקגעשטעלט דעם יידישן לאגער אין דייטשלאנד אין א שווערן נסיון. מידקייט און פארצווייפלונג האבן אנגערירט די סאמע יסודות פון זיין געזעלשאפטלעכן קיום. פון יאוש זיינען ארויסגעוואקסן פינצטערע און רעאקציאנערע כוחות אין יידישן לעבן אין דייטשלאנד, וואס זייען אנארכיע און דעסטרוקציע.

„אין אזא לאגע זיינען אפגעשוואכט געווארן די כוחות פון חלוצישער און ציוניסטישער אחדות, וואס האט געבילדעט דעם תמצית פון יידישן לעבנס-ווילן אין דער צייט פון חורבן און גלייך נאך דער באפרייאונג. שארפע און ביטערע פארטיי-סכסוכים האבן אנגעהויבן צו הילכן און אויסצופילן

דעם חלל פון די רעשטלעך פון יידישן לעבן אין אייראפע. די געמיינזאמע ציוניסטישע און חלוצישע ראם פון דער שארית - הפליטה האט זיך אנגע־הויבן צו ברעקלען און צו צעפאלן אין פיצלעך.

„ווי די לעצטע און איינזאמע זיינען מיר פארבליבן אויף דער שוץ־מויער פון דעם גרויסן אמאליקן חלום".

און ווייטער הייסט עס:

„די ברייטע, לויזע ראם פון דער הסתדרות ציונית אחידה איז היינט צו טאג ניט געגוג, בכדי אויסצושטיין דעם אנגריף פון די בייזע און שטור־מישע פארטיי - ווינטן, וואס האבן זיך צעהולעט אין דעם יידיש־געזעלשאפט־לעכן לעבן אין דייטשלאנד.

„פנים אל פנים מיט דער נייער פארטיי - ווירקלעכקייט, מיט איר פארטייאישער אפמאל דעסטרוקטיווער דינאמיק, איז דער דרינגענדער געבאט פון דער שעה, מיר זאלן באוואפענען אונדזער באוועגונג מיט די אלע נויטיקע אידייאישע און ארגאניזאציאנעלע כלי־זין, וואס זאלן איר פעאיק מאכן פאר דער אנפירער - ראל אין דער יידישער גאס, און פאר דער דער־פילונג פון דער גרויסער שליחות, וואס איז ארגאניש פארבונדן מיט אונ־דזער וועג".

אזוי ארום האבן צוויי גורמים צוגעאיילט דעם פאנאנדערפאל פון דער הסתדרות ציונית אחידה: די סטאביליזאציע פון יידישן וואנדער־לאגער און די פארטייאישע צעברעקלונג פון יידישן לעבן אין דייטשלאנד. ביידע גורמים זיינען געווען אויף אן אומצערייסבארן אופן פארבונדן; איינער איז געווען א פועל - יוצא פון דעם צווייטן. נאר קורצזיכטיקע, פון פארטיי - האס פאר־בלענדעטע, האבן געקאנט טריאומפירן איבער דעם חורבן פון אחדות. ניט זיי האבן „געזיגט". געזיגט האט די סטאגנאציע פון יידישן לאגער!

די אידייאישע און פאליטישע ווערטן פון דער הסתדרות ציונית אחידה האבן פארלאנגט א נייעם ארגאניזאציאנעלן שוץ־ראם, נייע, מער מאדערנע כלי־זין פון טעכניק און ארגאניזאציע.

די יסודותדיקע ווערטן זיינען אבער פארבליבן אין אידייאיש - פאלי־טישן אוצר פון דער ניי־געגרינדעטער פארטיי אלם איינפאכע און עלעמענ־טארע אמתן פון ציוניזם, פון חלוצישן ארץ - ישראל - אויפבוי, פון א יידישן סאציאליזם אין א יידישער מדינה.

דורך די איבערלעבענישן פון די ניצול־געווארענע האבן די ווערטן באקומען א נייעם תוכן און א נייע אויסשפראך.

פריי פון דער אלטער און שטיקנדער שאלעכץ פון גלות־ענערציע און גלות־אילוזיע, איינגעטונקט אין טיפע און גרויזאמע טייכן פון בלוט, געליי־טערט אין בראנד־פייער פון א גיהנים, זיינען די ווערטן באריכערט געוואר־ן מיט דעם אורשפרינגלעכן, פון דער תקופה פון ציוניסטישן אנזאג שטאמענדן, רעוואָלוציאָנערן בונט קעגן גלות, מיט טיפן אומרו און גרענעצלאָזער דרייסטקייט, מיט קרעפטיקע, אינסטינקטיווע באגערן נאך א יסודותדיקער

באנייאונג פון אונדזער גלות-לעבן, מיט בענקשאפט און ווילן נאך א יידישן כוח. אלע זיינען געווען פול מיט די דאזיקע איבערלעבענישן. ווי א הייסער אויסגעלייזטער שטראם פון א לאנג-פארשטאפטן קוואל, האבן זיי זיך אויס-געגאסן אין די ערשטע טעג פון באפרייאונג.

אין זיי ליגט דער גרויסער סוד פון דורכהאלטן און איבערלעבן; אין זיי — דער תמצית און וועג - וועגווייזער פון סאציאליסטישן ציוניזם אין חרובן אייראפע.

דער היסטארישער פארדינסט פון דער התאחדות ציונית אחידה באַ-שטייט אין דעם, וואָס זי האט פארשטאנען צו איבערזעצן די איבערלעבע-נישן פון טראגישן עבר אין דער שפראך פון באוווסטזיניקע מעשים און שטרעבונגען און צו דערהויבן זיי צו דער הויך פון א פאן, וואס האט זיך ביי זיין מיט דער פאַן פון דער יידישער בריגאדע געפלאטערט צווישן יידי-שע חורבות אין אייראפע, אלס פאַן פון באנייטן יידישן לעבנס-ווילן, אלס געשריי נאך א יידישן כוח.

היינט איז די שליחות פון דער פארטיי צו היטן די לעצטע, נאך ניט אויסגעלאשענע פונקן פון די דאזיקע איבערלעבענישן און פון זייער ניי-אויפגעפלאקערטן פייער, שמידן אויף דאסניי דעם כוח פון יידישן לאגער, ער זאל ניט צעפאלן, נאך איידער דער וועג וועט פריי ווערן פאר רעטונג.

די פארטיי איז אנטשטאנען אין מאמענט, ווען ס'האט זיך געדאכט, אז דער וועג פון יידישן לאגער, איבער וועלכן ס'האבן זיך געגאסן ברויזנדיקע כוחות פון אלע וועלט-עקן, איז פארשפארט געווארן אין א שמאלער זאַק-גאס. ווער וועט מציל זיין?! פאר די אויסגעמאטערטע, אויסגעהונגערטע נאך גאולה, אויגן, האלט דער שטן פון יאוש דעם קרומען שפיגל פון ציוניזם און פון ארץ-ישראל, פון זיין אויפבוי און געראנגל.

ווי א רויב-פויגל האט זיך אראפגעלאזן דער רעוויזיאניזם אויף דער שוואכקייט און דער טומאה, וואס האט זיך אנגעזאמלט צווישן די חורבות פון יידישן לעבן.

דער רעוויזיאניזם אפעלירט צו מידקייט און אנטוישונג; ער מאביליזירט די באצילן פון כוח-פארגעטערונג, וואס האבן פארסמט אונדזער נשמה אין בלוטיקן קלעם פון פארניכטונג; ער שפעקולירט אויף דער אמונה אין א נס, אין א שבתי-צבי, אין קפיצת-הדרך — אן חבלי - לידה פון שאפונג, איבערבוי און לעבנס-באנייאונג.

מיט צוויי כוחות וועלן מיר ביישטיין דעם דאזיקן קאמף פאר דער נשמה פון ציוניזם און פון דער שארית-הפליטה: מיט דער געטרייאשאפט צום חלוצישן ציוניזם און צום ציוניסטישן געראנגל און מיט דער קאנסא-לידאציע פון אלע ציוניסטיש - סאציאליסטישע און ציוניסטיש - פראגרע-סיווע כוחות.

דער איבערברוך אין מצב פון יידישן לאגער מיט אלע זיינע באגלייט - דערשיינונגען האט פארלאנגט די אנטשטייאונג פון דער פארטיי און גלייכ-צייטיק: מער אידייאישע קלארקייט און ארגאניזאציאנעלע פעסטקייט, בולטע

סימבאליק און ענגערע פארבונדקייט מיט דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

קיין שום אנדערער כוח האט ניט געקאנט קומען אויפן ארט פון דער פארטיי און דערפילן איר שליחות אין דער שארית־הפליטה. נאר זי אליין האט עס געקאנט טאן.

ניט אין א פוסטן חלל איז די פארטיי אנטשטאנען און ניט קיין נייע פענער האט זי דערהויבן, נאר די וואס האבן פון ערשטן מאמענט א; פארקערפערט:

די חלומות און באגערן פון חורבן־דור, די האפענונג פון יאוש, דעם שטורם פון די וועגן, דעם יאמער פון וועלדער, דעם שטומען ווי פון די געטאס און קאצעטן, דעם קאמף און דעם ווידערשטאנד, די העפלה און די קאמונע.

זי האט צונויפגעזאמלט שפליטערן פון דער גרויסער ציוניסטיש־סאציאליסטישער משפחה. פיל זיינען אוועק מיטן שטורם, ווי פארוויעטע בלעטער, און מער זיך ניט אומגעקערט. די אבער וואס זיינען על־פי־נס ניצול געווארן, האבן געשטראמט פון אוראל און קאזאכסטאן, פון די פראנטן ביי סטאלינגראד, לענינגראד און ווארשע, פון די בונקער און פון די וועלדער. זיי אלע האבן ביינעטראגן א וואגיקן בייטראג צו דער צוריקאויפשטעלונג פון דער פאראייניקטער פארטיי פועלי־ציון (צ. ס.) ־ התאחדות.

אין דעם אויסגעבענקטן זאמל־פונקט פון יידישן עקזאדוס איז פארגעקומען די גרויסע רעפאטריאציע פון דער באוועגונג.

און אויב די פון געטאס און קאצעטן האבן אפגעהיט דאס פייער פון ציוניסטישער אמונה, האבן די פון די וואנדער־וועגן געטראגן אין זיך דעם בונט קעגן גרענעצן און מכשולים.

פראגמענט צו פראגמענט, ווי א פיל־פארביקע, לעבעדיקע מאזאאיק, איז צוזאמענגעשטעלט געווארן די באנייטע באוועגונג.

די ניי־געגרינדעטע פארטיי האט געזען דעם פרווו פון איר קיום און שליחות:

א) אין דער אינערלעכער פעאיקייט צו אידענטיפיצירן זיך מיט די איבערלעבענישן פון דער שארית־הפליטה און פון זיי קאווען דעם וואפן פון ייִדורכהאלטן:

ב) אין דער שטרעבונג צו אחדות;

ג) אין דער טרייקייט צום געראנגל און גרייטקייט צו העפלה;

ד) אין דעם איינוואָרצלען אין באוווסטזיין פון דער שארית־הפליטה דעם טיפן גלויבן, אז די איינציקע תשובה אויף דעם יידישן חורבן איז חלוציות און יידישער סאציאליזם אין א יידישער מדינה.

די אויפגאבע פון דער פארטיי איז געווען צו דערנאבערן דעם יידישן לאגער פארן ציוניזם, נאך דעם ווי דער חורבן האט אים דערנאבערט פאר ארץ־ישראל.

דער היסטארישער פארדינסט פון באראכאוויזם איז געווען אין דעם, וואס ער האט מיטן מעסער פון וויסנשאפטלעכן אנאליז אויפגעוויזן די

אנאמאליע פון יידישן לעבן — דעם אומגעקערטן „פּיראמיד" פון דער יידישער עקאנאמיק, — און געצילט איינצוווארצלען אין באוווסטזיין פון די יידישע ארבעטער־מאסן דעם גלויבן, אז ארץ־ישראל איז א היסטארישע נויטווענדיקייט.

היינט ליגט דער „פּיראמיד" פון דער יידישער עקאנאמיק צעשמע־טערט, ווי א בוים אן ווארצלען, און זיינע שמאלע שפּיצן פון די „ערשטע פּראדוקציע־צווייגן" זיינען אפּגעהאקט לחלוטין.

ארץ־ישראל איז געווארן א נויטווענדיקייט אין באוווסטזיין פון די יידישע מאסן. אונדזער חלום איז פאַרווירקלעכט געווארן אויף א טראגישן אופן. דאס איז אבער ווייט ניט נענוג. ארץ־ישראל מוז ווערן א ממש־לעבעדיקייט פאר דעם יידישן לאגער, דורך טיפער רעסטלאזער אמונה אין ציוניזם. אט אויף דער דאזיקער אמונה לויערן אין לאגער סכנות פון אלע זייטע ווינקלען, און די גרעסטע פון זיי איז זיין שוואכקייט אלס קא־לעקטיוו.

„ניטא אזא פאלק, ווו די יחידים זאלן זיין אזוי פעאיק, אזוי פלינק און בויגעווודיק אין קאמף פאר זייער פערזענלעכן קיום. ווי יידן. און ניטא אין דער וועלט אזא פאלק, וואס זאל זיין אזוי שוואך און צעקראכן, ווי יידן: אן אוי־סערגעוויינלעכער כוח פון פרט און ביישפּילאזע שוואכקייט פון כלל".
(בעראכאוו: „אנטי־ציוניסטישע קאנצענטראציע")

* *

[illegible]יפע ענדערונגען זיינען פארגעקומען אין דער פסיכיק פון דעם יידישן מענטש אין תוהו ובוהו פון חורבן און מלחמה. די שנויים מערקן זיך אין אונדזער באציאונג צו דער וועלט, אין אונדזער גלויבן אין מענטשהייט און פארשריט, אין אונדזער אויפפאסונג פון דער יידישער געשיכטע און פון דער יידישער קעגנווארט. אין בלוטיקן געווירבל פון חורבן און מלחמה איז בא־דייטנד אראפּ דער ווערט פון מענטש און ס'האבן זיך אויפגעלייזט די קשרים צווישן יחיד און כלל. וואס פארא ווערט האבן אידעאלן און דער מענטש, וואס טראגט אויף די ליפּן זייער שם־המפורש? האבן זיי ניט געדינט אלס פייגן־בלאט פאר בלוטיקע אינסטינקטן און ברוטאלע אינטערעסן? און זיי־ען נאך פאראן אזעלכע אידעאלן. וואס זאלן ניט וועקן דעם סקעפּטיש־[illegible] דעם אפּירינט?!

און אין דער אמתן: ווער האט ניט פאראטן, ווער איז ניט געשטאנען [illegible] אין ווער [illegible] אנגען אין מלחמה קעגן פארניכטונג צוליב אונדזן אליין...

גרויליק איינזאם איז געווען דער יידישער מענטש, הפקר איז געווען זיין בלוט און מיט א שוידערלעכן ווידערקול איז זיין רוף צו רעטן צוריקגע־שלאגן געווארן פון די 7 אייזערנע ווענט, וואס האבן אים ארומגערינגלט. איינער קעגן אלע און מחוץ פון אלע.

 3*

מענטשלעכקייט, דעמאקראטיע, סאציאליזם — שווער געווען צו דערגיין זייער אמתן תוכן אין טויטן-לאגער, וואנדער-וועגן און פארשיקונג.

אנטלויפן פון שוואכקייט און איינזאמקייט, פארגעסן דעם עבר, פארבארגן די יידישקייט — איז געווארן א ווילדער מאסן-פסיכאז, וואס האט געשניטן די רעשטלעך פון כוחות, ביז ער האט זיך אנגעשטויסן אן די פעלזן פון ווירקלעכקייט. אויף דער פאן איז אויפגעשטאנען אין אונדזערע אויגן א נייע אסימילאציע, וואס שפייזט זיך און וואקסט פון יידישער מידקייט, פון חרובע גלויבנס, פון ניהיליזם פון א דור. דאס איז שוין ניט מער די אסימילאציע פון אמאל מיט איר שטארקן גלויבן אין פרעמדע קולטורווערטן און מיט איר גרויסע אינטעלעקטועלע כוחות. ביידע זיינען פארשוונדן פון יידישן לעבן. די היינטיקע אסימילאציע איז א מאסן-פסיכאז פון צופאסונג, וואס איר תוכן איז: לעבנס-לוסט, קאריעריזם און גייסטיקע ארעמקייט. די יסודות פון דער ציוניסטישער געדאנקען-וועלט זיינען אויפגעטרייסלט געווארן. דער יידישער דור אין אייראפע נויטיקט זיך אין א פעסטן מאראלישן און גייסטיקן אנשפאר, און פריער פאר אלעמען — אין א באנייטער אמונה אין זיך און אין זיין אייגענעם עתיד. ווידער און ווידער מוזן אוועקגעשטעלט ווערן פאר זיינע אויגן די גרונטזעצלעכע עלעמענטן פון ציוניזם, וואס בילדן דעם תמצית פון יידיש-נאציאנאלן גורל: ארבעט, באדן, סאציאליזם.

די פארטיי דארף באנייען און שטארקן דאס גייסטיקע לעבן פון דעם יידישן לאגער און פלאנצן אומדערמידלעך אירע ווערטן אויף דעם שטיינערדיקן באדן פונם חרובן גלות. אנדערש דראט דעם יידישן לאגער צו זיין ווי שוים אויף די שטורמישע וואסערן, הפקר צו אלע בייזע ווינטן פון אינעון און פון דרויסן. ווייל צו שטארק האט דער תוהו ובוהו פון ווערטן און באגריפן אנגערירט די טיפסטע יסודות פון אונדזער אמונה.

אין דעם שטעקט די גרעסטע סכנה פאר ארץ-ישראל, פאר דער יידישער קאמונע, פאר דעם סאציאליסטישן ציוניזם.

און אויב נאך דעם אלעמען איז א פונק פארבליבן, א פונק אין די גרויע הויפנס פון אש, א פונק פון אמונה אין ציוניזם און אין סאציאליזם, פון טרייבאפט צו אונדזער גורל — לאמיר אים אפהיטן און בויען ארום אים א מויער און אוועקשטעלן פאר אים א מזבח.

ווייל נאר דאן וועט געשען דער נס פון דורכהאלטן.

דער יידישער לאגער אין דייטשלאנד איז היינט דער לעצטער אין אייראפע פאר געראנגל און העפלה. ניט סתם א לאגער, נאר א מחנה פון "שרידי העם, פון די לעצטע.

ער איז דער טרעגער פון צ י ו נ י ז ם אין דעם חרובן גלות.

אליין ער האט איין ברירה: צו פארבלייבן אלס לאגער אדער אויפלייזן זיך לחלוטין. און איין וועג האט ער: ארויסגאנג אדער אונטערגאנג.

צי מיר ווילן צי מיר ווילן ניט: דער לעצטער קאמף פון דעם יידישן לאגער האט זיך שוין לאנג אנגעהויבן. ניט מיר אליין באשטימען זיינע פא-

זעם. ריזיקע, אונטערערדישע כוחות פון פאנאנדערפאל פירן אים קעגן אונדז; טיפע, אביעקטיווע פראצעסן פון אויפלייזונג טרייבן פארניכטונגספולע כוואליעס, וואס רייסן שטיקער פון דעם יידישן לאגער, ווי פון א קליינעם, איינזאמען אינזל אין סאמע הארצן פון ים. ער קען ניט פארבלייבן אין א סטאטישן מצב — ניט אויף דעם רויכנדן ווולקאן פון דייטשלאנד און ניט צווישן אייגענע קברים.

ער קען ניט זיין א „נארמאלער" ישוב, ווי פארן מבול: צו פיל קעמערלעך פון נאציאנאלער אפווער-קראפט זיינען אויסגעשניטן געווארן פון זיין ארגאניזם.

ער קען ניט זיין קיין שטומער צושויער צו דעם אייגענעם אונטערגאנג.

דער יידישער לאגער אין דייטשלאנד מוז זיין דער לאגער פון ווידערשטאנד און געראנגל.

ווייל וואס האט ער צו פארלירן א חוץ א נייעם גלות און פארניכטונג?

און וואס האט צו פארלירן דער ציוניזם, א חוץ דעם לעצטן נאציאנאלן ארסענאל, ערב א נייעם וועלט-שטורם?

דעריבער איז די אויפגאבע פון דער באוועגונג צו אפעלירן ניט צו שוואכקייט און פאסיווקייט, נאר צו די ווינציקע כוחות אנגעזאפטע מיט צאפלדיקע ליידן, מיט אנטשלאסענעם לעבנס-ווילן, מיט דרייסטער בונטארישקייט.

מיר דארפן זיין אין דעם יידישן לאגער דער גורם פון אומרו און אונפרויז, אבער איינצייטיק אויך דער גורם פון דערציאונג, קאנסטרוקטיווער ארבעט און גרויסער ציוניסטישער אחריות.

אונדזער וועג פון געראנגל פירט צווישן דער אָנמאַכט פון פאָליטישן אוואַנטוריזם און דער ניט קלענערער אָנמאַכט פון „רעאַליסטישער" קאפיטולאציע.

און פריער פאר אלעמען: די פאראייניקונג פון אלע ציוניסטיש-סאציאליסטישע כוחות אין דער שארית-הפליטה. אויב שפאלטונג איז אמאל געווען א חטא, איז זי היינט א פארברעכן.

א קעגן דער אנטי-ציוניסטישער קאנצענטראציע פון שוואכקייט-און הפקרות, מוז געשטארקט ווערן די ציוניסטישע קאנצענטראציע פון דער שארית-הפליטה ארום ארץ-ישראל. היינט מער ווי אמאל דארפן מיר וויסן צו דערנענטערן דעם יידישן לאגער צו דער ארץ-ישראל-ווירקלעכקייט און מיטמאכן אין לעבן די טעגלעכע זארגן, ליידן און דערגרייכונגען פונם ישוב — דעם מקור פון אונדזער קראפט און אמונה. צוזאמען מיט דער מפלגת פועלי ארץ-ישראל טראגן מיר די אחריות פאר דעם גורל פון דער שארית-הפליטה. ניטא אין דער גאנצער וועלט-באוועגונג נאך צוויי פארטייען, וואס זאלן זיין אזוי ענג פארבונדן אויף די אמייסטן ארויסגערוקטע קאמפס-פאסטנס פון יידישן לעבן.

ווער איז נאך אזוי בלוטיק פאראינטערעסירט, ווי מיר, אז די פארטיי אין ארץ-ישראל זאל זיין תמיד דער פילבארסטער אינסטרומענט, וואס

נעמט אויף און פארצייכנט די קלענסטע פּוקטואציעס און באוועגונגען אין לעבן פון יידישן לאגער און פארוואנדלט זיי אין קאנסטרוקטיווע מעשים.

מיר זען אין דער ארץ-ישראלדיקער ארבעטער-פארטיי די נאטירלעכע היים פאר די היימלאזע און אויסגעווארצלטע פליטים, וואס זייער טראגישע איבערלעבענישן בילדן דעם מאראלישן און עמאציאנעלן תמצית פון אונדזער סאציאליסטישן ציוניזם.

מיר קענען ניט בויען אויף מענטשן-שטויב. די פאליטישע ארגאניזירונג פון דעם יידישן לאגער איז היינט א ציוניסטישער געבאט פון דער שעה.

מיר האבן מיט וואס צו גיין צו דער שארית-הפליטה. מיר זיינען די באוועגונג, וואס האט פון דעם ערשטן טאג נאך דער באפרייאונג באגלייט די ערשטע טריט פון דער שארית-הפליטה, צי איז דאס געווען דורך אונדזערע חברים אין דער יידישער בריגאדע, צי איז דאס געווען דורך דער הסתדרות ציונית אחידה. איינגייענדיק אויף אלע פארמען פון אחדות און קאנסאלידאציע, האבן מיר אבער קיינמאל ניט פארלייקנט דעם תוכן פון אונדזערע אידייאישע און פאליטישע ווערטן.

מיר האבן דא די ערשטע אויפגעהויבן די פאן פון חלוציות, פון הסתדרות העובדים, פון געראנגל, פון א יידישער מדינה, פון סאציאליסטישן ציוניזם.

מיר האבן געלייגט די ערשטע יסודות פאר דעם געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער שארית-הפליטה, בויענדיק זיינע קעמערלעך און אינסטיטוציעס.

זאל עס דערמאנט ווערן היינט, ניט בלויז צוליב דער רייכער מאזאאיק פון פרעטענדענטן און „יורשים”, אבער קודם-כל פאר אונדז אליין. מיר זאלן געדענקען אונדזער אפשטאם, אונדזער ארט און אונדזער שליחות אין דער שארית-הפליטה.

מיר גלויבן, אז דער אינטערעס פון ציוניזם און פון יידישן ארבעטער-קלאס אליין פארלאנגט, אז מיר זאלן זיין דער רוב-מנין און רוב-בנין פון דעם יידישן לאגער, אז מיר זאלן זיין **די פארטיי פון דער שארית-הפליטה**. ווייל אין אונדזערע הענט איז מפקיד געווארן א גרויסער קנין: די שליחות פון דער מפלגת פועלי ארץ-ישראל אין גלות.

מיר שטייען היינט פאר דער נויטווענדיקייט צו מאביליזירן גייע מאסן אין די רייען פון דער באוועגונג און אזוי ארום צו צעברעכן די סטאגנאציע און צו פארמיידן די פארגליווערונג פון יידישן לאגער-לעבן.

פון דער גרויסער, אנאנימער מאסע פון סתם-יידן, איז עס היינט אפהענגיק. מיר האבן קיינמאל ניט אנערקענט די קלענסטע מחיצה, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן צווישן דעם סתם-ייד און זיינע חלוצישע קינדער. מיר האבן קיינמאל ניט פארלוירן דעם גלויבן אין דעם ייד פון יעדן טאג.

מיר גלויבן אין סתם-ייד, מיר ווילן זיין קומען אין לאנד, מיר גלויבן אין זיינע גוטע אינסטינקטן, אין זיין ווילן און כוח אדורכצוברעכן דעם וויז-

מיר ווייסן: זיין שוואכקייט איז די שולד פון דער וועלט, זיין שולד איז אונדזער יידישקייט.

מיר פסלן יעדע דערציאונג, וואס אין איר שורש ליגט ניט די באַדינגונגסלאָזע ליבע צום פאלק — ניט צו דעם אבסטראקטן און ניט צו דעם געשיכטלעכן, נאר צו דעם פאלק, וואס זיינע וווּנדן טריפן און זיין פנים איז אנגעצייכנט מיט דעם אנגעגליטן אייזן פון פארניכטונג.

בלויז דאס אויפוואכן פון דער גרויסער, אנאנימער מאסע פון סתם־ייד פון אפאטיע און פארצווייפלונג קען מציל זיין דעם יידישן לאגער פון צעברעקלונג און ליקווידאַציע — אויף דער שוועל פון באפרייאונג. אַנפילן דאס הארץ פון דער דאזיקער מאסע מיט א נייעם גלויבן און בטחון, מאביליזירן אירע בעסטע כוחות און אינסטינקטן, מכשיר זיין אירע רייען פאר יציאת אייראפע — איז די אויפגאבע פון א פארטיי, וועלכע, געבוירן אין א תקופה פון חורבן, איז און מוז פארבלייבן — די פארטיי פון הצלה.

7. איינהייט און קאנסאלידאציע פון דער באוועגונג

די שפאלטונג אין דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל איז פארגעקומען בעת דאס יידישע לעבן אין אייראפע איז געלעגן אין חורבות. שוין צוליב דעם אליין איז זי געווען אן אומגליק וואס האט ניט זיין־גלייכנס אין דער געשיכטע פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטערשאפט.

די שליחות פון יידישן ארבעטער איז טיף, אין סאמע שורש אנגערירט געווארן. די נאטירלעכע, אין עצם־שאפונג, פארקערפערטע איינהייט פון א״י־ארבעטער־קלאס, איז קינסטלעך דעפארמירט געווארן.

די קבוצישע באוועגונג איז אין לעבן פון ארבעט און שאפונג איינהייטלעך. גרונטזעצלעך אידענטיש און מעכטיקער ווי אלע פראפעסיאנעלע ניואנסן און אידייאישע דיפערענצן, זיינען די געמיינזאמע שטרעבונגען און אינטערעסן פון דעם יידישן ארבעטס־מענטש אין דער מושבה, אין פאבריק און אין ווארשטאט.

די שפאלטונג אדורכגעפירט דורך דער א. ג. סיעה ב׳, איז געווען א אויסקרימונג פון דער ארבעטער־ווירקלעכקייט אין לאנד און א פעלשונג פון אירע איינהייטס־טענדענצן. במשך צ״ן יאר, האט די סיעה ב׳, אלס אפאזיציע אין דער פארטיי, געפירט א טעטיקייט, וואס האט געבראכט צו דער אויסבילדונג פון „א פארטיי אין דער פארטיי״. אזוי ארום האט די שפאלטונג עקזיסטירט און פארסמט דאס אינערלעכע לעבן פון דער פארטיי, נאך איידער ס׳איז פארגעקומען איר לעצטער, פארמעלער אקט. די סיעה ב׳ איז ניט געווען א פארטיי־אפאזיציע אין דעם אנגענומענעם זין פון ווארט. זי איז ווייט געווען פון זיין א גרופע פון חברים, וועלכע פאראייניקן זיך, בכדי צו פארטיידיקן א באשטימטע מיינונג וועגן א באשטימטן ענין. און גייען זיך פאנאנדער אלס גרופע, נאך דעם ווי די פארטיי — דורך אירע העכסטע אינסטאנצן — האט ארויסגעגעבן אן אורטייל איבער דעם דאזיקן ענין. ניט נאר וואס זי האט ניט רעספעקטירט אזא אורטייל פון א רוב פון דער באוועגונג, זי איז דערגאנגען בסוף דערצו, אז אין פארבינדונג מיט אנדערע פארטייען, האט זי געשטימט קעגן די באשלוסן פון דער אייגענער פארטיי, פון וועלכער זי האט באקומען אירע מאנדאטן. די סיעה ב׳ איז געווען א פערמאנענטע, אפגעשלאסענע גרופע מיט אייגענע אינסטאנצן, וועלכע האט פאראויס פארפליכטעט אירע חברים

צו אן איינהייטלעכער שטעלונג און האנדלונג אין אלע ענינים, וואס זיינען געשטאנען אויפן סדר־היום פון פארטיי־לעבן.

אזוי ארום זיינען געשאפן געווארן קינסטלעכע מחיצות צווישן חבר און חבר און ס'איז איינגעשטעלט געווארן די פרייע צירקולאציע פון מיינונגען און קעגנזייטיקע באאיינפלוסונגען, וואס בילדעט דעם אבסאלוטן תנאי פאר אַן אינערלעכער פארטיי־דעמאָקראַטיע.

די סיעה ב' האט זיך געשטיצט אין דארף אויף אירע פאזיציעס אין קבוץ־מאוחד און אין שטאט אויף געוויסע אומצופרידענע עלעמענטן, וועלכע פעלן ניט אין קיין שום ארבעטער־באוועגונג און בפרט אין אזעלכער, וואס פארמירט זיך אין חבלי־לידה פון עליה און קליטה. זי האט געטענהט קעגן „אפארטוניזם" פון מפא"י קעגן „ותורים" לטובת די בירגערלעכע קרייזן, קעגן „פארטושונג פון קלאסן־קאמף" א. א. וו. א סך שפעטער שוין זיינען צוגעקומען אזעלכע פראגן, ווי בילטמאר־פראגראם, העפלה, גערענגל, חלוקה, אריענטאציע א. א.

דער עיקר אבער זיינען געווען ניט די אמתע אדער מכלומרשטע שטרייט־פראגן, וועלכע די סיעה ב' האט ארויסגערוקט. דער עיקר איז געווארן די סיעה גופא, וועלכע האט געמוזט שאפן קינסטלעכע מיינונגס־פאר־שידנהייטן און זיי פאנאנדערבלאזן, בכדי צו באַרעכטיקן איר קיום.

א קלאסישער ביישפיל איז געווען די האנדלונג פון סיעה ב', בעת א. דעלעגאציע פון הסתדרות העובדים האט באדארפט אפפארן צום ערשטן אינטערנאציאנאלן ארבעטער־קאנגרעס אין לאנדאן, 1945. ס'איז געווען קלאר פאר אלעמען, אז אין ציוניסטיש־פאליטישע פראגן דארף די הס־תדרות־דעלעגאציע רעפרעזענטירן אויפן אינטערנאציאנאלן ארבעטער־פארום די אפיציעלע פאליטישע ליניע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגא־ניזאציע, ד. ה. דעם א. ג. ירושלים־בילטמאר־פראגראם. דאס איז איב־ריגנס געווען אויך די פאליטישע אויפפאסונג פון דעם רוב־מנין און רוב־בנין פון דער יידישער ארבעטערשאפט אין ארץ־ישראל. צוליב ריין־טאקטישע טעמים האבן די פארשטייער פון סיעה ב' אין ועד הפועל פון הסתדרות העובדים געשטימט קעגן דעם פראגראם פון א יידישער מדינה, פארגעשלאגן ניט־וועזנטלעכע אויסבעסערונגען און ערשט שפעטער, אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער ארבעטער־מיינונג, געגעבן זייער צושטימונג. אזוי קרים־טאליזירט זיך אן אפאזיציע לשם אפאזיציע וואס פארטושט און פארנעפלט ערשטראנגיקע לעבנס־פראבלעמען מיט ריין־טאקטישע מאנעוורן, אלס אויסדרוק און באדערפעניש פון דער „ליניע".

מען קאן דרייסט פעסטשטעלן, אז די שפאלטונג איז ניט פארגעקומען צוליב מיינונגס־פארשידנהייטן אין א באשטימטער אידייאישער אדער פאליטישער פראגע. און די אלע אויבנדערמאנטע פראגן, צוליב וועלכע די סיעה ב' האט זיך מכלומרשט אָפּגעשפּאָלטן פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער־פארטיי, זיינען פאראן ניט קיין קליינע חלוקי דעות אין די רייען

פון דער „תנועה לאחדות העבודה”. פונקט, ווי זיי זיינען דא אין די רייען פון מפא”י!

דער אונטערשיד איז אבער א וועזנטלעכער:

די מפלגת פועלי ארץ=ישראל דערמעגלעכט יעדן חבר צו אטעמען פריי אין דער ספערע פון זיין געדאנקן=לעבן.

איר איז פרעמד דער אידייאיש=פאליטישער אוניפארמיזם, וואס צווינגט צו אן איינהייטלעכע פארמולע אויך דארט, וו דאס איז ניט נויטיק, בכדי צו באשיצן די גרונט=ווערטן פון דער פארטיי. און אויך אין די אלע פראגן, אין וועלכע א פארטיי מוז פארזיכערן איר איינהייטלעכע האנדלונג כלפי=חוץ, האט יעדער חבר די מעגלעכקייט צו ראנגלען זיך ניט געשטערט פאר זיין מיינונג, ביז צום אנטגילטיקן באשלוס פון רוב פון דער פארטיי. פרייהייט פון מיינונגען און דיסציפלין פון טאט — איז דער גרונט=יסוד פון אינערן=דעמאקראטישן לעבן פון א באוועגונג. אמת, ניט איינמאל קאמפליצירן די צו לויזע ראמען די באשלוס=פעאיקייט פון דער פארטיי. אין דער דאזיקער „שוואכקייט” אבער ליגט דער גרויסער כוח פון דער מפלגת פועלי ארץ=ישראל צו זיין די פארטיי פון יידישן ארבעטער=קלאס אין ארץ=ישראל, מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיין פיל=פארביקער מענטשן=סטרוקטור פון א קבוץ=גלויות.

פאראן ביי אונדז אזעלכע „ראדיקאלע” ישיבה=בחורים, וואס טענהן, אז אפארטוניזם איז איינציק און אויסשליסלעך א המצאה פון פארטיי=פירער, און זיינען מוכן און מזומן צוצושרייבן דעם גאנצן אפארטוניזם — דער מפא”י. לויט דער דאזיקער פילאזאפיע הייסט עס, אז דער ארבעטער=קלאס איז כולו און תמיד רעוואלוציאנער און גרייט צום קאמף, און נאר די אפארטוניסטישע פארטיי=פירער, דעמאביליזירן אים און אנטוואפענען זיין קאמפס=פאטענציאל. גענוג אדורכצובלעטערן די נאך פרישע געשיכטע פון דער ארבעטער=באוועגונג פון די לעצטע יארן, בכדי צו פארשטיין, וויפיל אומזין און דעמאגאגיע שטעקט אין דער דאזיקער אויפאסונג. אפגרענעצן זיך קינסטלעך פון די שוואכקייטן פון ארבעטער=צבור, איגנארירן זייער עקזיסטענץ און איינפלום אין געזעלשאפטלעכן לעבן, זוכנדיק פאר זיך נאר דעם לארבערקראנץ פון „קאנסעקווענץ און אויסגעהאלטקייט”, קאן נאר א סיעה, וועלכע האט פון לאנג אויפגעגעבן דעם גלויבן צו ווערן די פארטיי פון גאנצן קלאס.

די יידישע ארבעטערשאפט אין ארץ=ישראל האט די שפאלטונג ניט אקצעפטירט. טויזנטער פון אומפארטייאישע ארבעטער האבן זיך אנגעשלאסן אן די רייען פון דער מפלגת פועלי ארץ=ישראל, בכדי אויסצופילן דעם דורך שפאלטונג געשאפענעם בלויז. די „תנועה לאחדות עבודה” האט דעם יידישן ארבעטער=קלאס ניט דעראבערט. א קליינער מיעוט איז זי פארבליבן און דערצו נאך געליטן אן ערנסטע ירידה ביי די לעצטע וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס.

די זעלבע בייזע גייסטער, וועלכע די ס[illegible] האט [illegible] אין
מפא״י, הויבן איצט אן צו הוליען אין דער ניי = געגרינדעטער פּארטיי.
ס׳באוויזן זיך ערנסטע ריסן און שפּאלטן און וויכטיקע חברים, וואס האבן
אמאל געשפּאלטן די פּארטיי און געגרינדעט די סיעה ב׳ — האבן איצט
פארלאזן אירע רייען.

דעם אינערלעכן תוהו ובוהו פּרווט די „תנועה״ אומזיסט צו פארדעקן
מיט דעם אלטן, אויסגעפּרוווטן מעטאד פון באקעמפן די מפלגת פּועלי א״י.

דער היסטארישער באשלוס פון „אונא״ וועגן דער אויפריכטונג פון
א יידישער מדינה, האט נאך מער פארגרעסערט דעם פּאליטיש = אידייאישן
תהו ובוהו אין די רייען פון דער „תנועה לאחדות העבודה פּועלי-ציון״. דער
פּאליטישער רעאליזם פון מפא״י איז געקרוינט געווארן מיט דערפאלג. די
א. ג. „ירושלים = בילטמאר פּראגראם״ פון א יידישער מדינה, פארמולירט
צום ערשטן דורך דער ארץ=ישראלדיקער ארבעטער פּארטיי, האט געפייערט
דעם גרויסן נצחון פון אינטערנאציאנאלער אנערקענונג און אונטערשטיצונג,
הגם פאר דעם שווערן און ביטערן פּרייז פון חלוקה. נאך מער: ראטנפאר=
באנד, וועלכן ס׳איז, אין א געוויסער מאס צו פארדאנקען דעם היסטארישן
באשלוס פון „אונא״. האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער מדינה=
קאנצעפּציעס און געפּסלט אלס ניט = רעאלע די קאנצעפּציעס פון די, וועל=
כע האבן במשך פון לאנגע יארן געפּרעדיקט, אז אין זייערע הענט ליגט דער
ציל צו א דערנענטערונג מיט ראטנפארבאנד...

פון פּאליטישן דורכפאל און האס צו מפא״י איז ארויסגעוואקסן דער
„איחוד השמאל״ פון דער תנועה לאחדות העבודה פּ. צ. און השומר הצעיר.
מיר באגריסן יעדן איחוד פון ציוניסטיש = סאציאליסטישע כוחות. מיר
גלייבן אבער ניט אין א פאריייניקונג, וועלכע איז דיקטירט איינציק און אליין
דורך נעגאטיווע מאמענטן און איז ניט מער ווי אן ניט=אגרעסיע=פּאקט כלפּי
פּנים און א פארשווערונג פון אגרעסיע כלפּי = חוץ.

די פּארטייען, וועלכע האבן זיך געכטן פאראייניקט אין ארץ=ישראל, זיי=
נען ניט געווען אימשטאנד צו קומען צו א הסכם אין אזא גורל=פראגע ווי
וועגן דעם צוקונפטיקן פּאליטישן רעזשים פון ארץ=ישראל. זיי זיינען אבער
געקומען צו א ניכן הסכם בנוגע די קאמפס=וועגן קעגן מפא״י.

די שפּאלטונג פון דער ארץ=ישראלדיקער ארבעטער=פּארטיי האט
א חוץ די אינערלעכע שווערע אויסווירקונגען געהאט אויך ערנסטע פאלגן
פאר דער גאנצער יידישער ארבעטשאפט כלפּי=חוץ. דער 22=טער ציוו=
ניסטישער קאנגרעס האט עס קלאר באוויזן.

די „תנועה לאחדות עבודה — פּועלי ציון״ האט בייגעטראגן דערצו,
אז די יידישע ארבעטער = פּארטייען אין ארץ=ישראל זיינען געגאנגען גע=
טרענט צו די לעצטע קאנגרעס=וואלן. זי האט אומעגלעך געמאכט דאס
שאפן פון א איינהייטלעכער ארבעטער = פראקציע אויפן קאנגרעס גופא. זי
האט מיטגעשטימט צוזאמען מיט די רעוויזיאניסטן אין א גאנצער ריי פּא=
ליטישע פראגן.

דער לעצטער קאנגרעס איז געווען אן עדות פון א קאנצענטרירטן אטאק פון דער יידישער רעאקציע אויף די פאזיציעס פון ארבעטער-ציוניזם. מען מוז פעסטשטעלן, אז דער רעוויזיאניזם וועלכער האט זיך פארמעל אומגעקערט אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איז אויפן קאנגרעס ניט איזאלירט געווארן. להיפוך: דורך א משונהדיקער קאנסטעלאציע פון טאקטישע חשבונות און מאנעוורן, אין וועלכע די סיעה ב' צוזאמען מיט א טייל פון בירגערלעכן ציוניזם, האט געהאט א גרויסן חלק, איז דער רעוויזיאניזם געווארן א מיטבאשטימענדיקער גורם.

בלויז קורצזיכטיקייט און סעקטאנטישע האס-פארבלענדונג וויל ניט אנערקענען א פשוטן פאקט, אז דער ארגאניזירטער קרייץ-צוג פון ציונ. רעאקציע קעגן מפא"י און אירע שוועסטער-פארטייען אין גלות איז געווענדעט קעגן דער גאנצער יידישער ארבעטערשאפט.

פאטאל זיינען געווען די אויסווירקונגען פון דער שפאלטונג אין א"י אויף דער געשטאלטונג פון דער באוועגונג אין גלות. דא האט די שפאלטונג באקומען א נאטירלעכן פארבינדעטן אין דעם טראגישן פלאנטער, וואס האט זיך געשאפן דורך מלחמה, חורבן, וואנדערונגען און לאנגיעריקער אפגעריסנקייט פון דער ווירקלעכקייט אין ארץ-ישראל.

אין פוילן, ווו יעדער שטיין האט געשריען וועגן דער פארניכטונג פון א גאנצן דריי-מיליאניקן קבוץ, ווו בלויז א הייפעלע יידן זיינען פארבליבן, איז געווען אומעגלעך צו געפינען א געמיינזאמע שפראך צווישן צוויי פארטייען, וועלכע זיינען פון לאנג געווען פאראייניקט אין איין וועלט-באוועגונג. וואס האט זיי געשיידן? די פראגן פון יידיש-העברעאיש און כאראקטער פון אונדזער שול-וועזן, פאר וועלכן ס'האבן שוין מער ניט עקזיסטירט די אמאליקע קינדער פון פוילישן יידנטום?

אדער אפשר די „סטיכיע" פון דער יידישער מאסן-אויסוואנדערונג פאר וועלכע ס'זיינען שוין מער ניט געווען די יידישע מאסן? צו אפשר די פראגע פון דער בלוי-ווייסער פאן אדער פון „דאאיקייט"-ארבעט, ווי אין די גוטע אמאליקע צייטן.

די ציוניסטיש-סאציאליסטישע באוועגונג איז געווען אין איר אנפאנג רייך אין מיינונגס-פארשיידנהייטן און שפאלטונגען: יידישיסטן און העברייאיסטן, פאלעסטיניסטן און טעריטאריאליסטן, פ. ק.יסטן (פאר א [illegible]לימישן קאמף) און אנטי-פ. ק.יסטן („מיטשוקעס"), און בסוף די גע[illegible]לעכסטע פון אלע — די סיימיסטן. אין זוד-קעסל פון אט דעם דאזיקן אידייען-געראנגל האט זיך אויסקריסטאליזירט די פועלי ציון-פארטיי.

די שפאלטונג, וועלכע די סיעה ב' האט צוגעטראגן דעם חורבן גלות אין אייראפע, איז געווען פון א גאר אנדערן סארט. געוויינלעך ווערן שפאלטונגען צוגעגרייט דורך הייסע דעבאטן און א העפטיקן אידייען-קאמף. די טעכניק פון דער סיעה ב' אין אייראפע איז א סך מאדערנער: זי האט זיך אויסגעצייכנט מיט קאנספיראציע, פארטושונג און קאלטער אויסרעכענונג. איר נאטירלעכער שאטן איז געווען דיווערסיע.

שטרעבנדיק צוריק אויפצושטעלן די אייניקייט פון דער באוועגונג, האבן מיר ווייט ניט אפגעשאצט די אמתע כוונות פון דעם צד שכנגד.

די באראטונג פון „איחוד עולמי" אין לאנדאן, אויגוסט 1945 האט אנגענומען דעם פרינציפ פון איין פארטיי אין יעדן לאנד, גלייכצייטיק אבער האט זי באשלאסן צו מאכן דעם לעצטן פארזוך צו פאראייניקן ביידע פארטייען אין ארץ-ישראל. אונדזער אויפריכטיקע שטרעבונג צו אחדות איז אויסגענוצט געווארן קעגן אונדז. די „תנועה לאחדות עבודה" האט באקומען א נייע אטעם-פויזע אויף צו פארפעסטיקן אירע פאזיציעס אין די גלות-לענדער, ווי אויך אויף אריינצודרינגען אין די פארטייען פון איחוד עולמי, אין וועלכע זי האט פריער ניט עקזיסטירט.

דער באשלוס פון דער לאנדאנער באראטונג איז ערשט מיט אנדערטהאלבן יאר שפעטער, קאריגירט געווארן אויף דער וועלט-קאנפערענץ אין באזעל, אין דעצעמבער 1946, וועלכע האט ענדלעך א סוף געמאכט צו די טרויעריק-באריממטע מעטאדן פון די דיווערסיע.

די וועלט-קאנפערענץ אין באזעל, האט באשלאסן, אז די איינציקע פארטיי פון איחוד עולמי אין א"י איז די מפלגת פועלי ארץ-ישראל, און אז אין יעדן לאנד קאן עקזיסטירן נאר איין פארטיי פון וועלט-פארבאנד. זי האט גערופן אלע אנהענגער פון איחוד עולמי „פועלי ציון (צ. ס.) - התאחדות" אין פוילן, דייטשלאנד און עסטרייך צו א וואס גיכערער פאראייניקונג. דערמיט איז אריינגעטראגן געווארן א סך קלארקייט אין דעם טראגישן פלאנטער; איינצייטיק זיינען אפגעשטעלט געווארן די פרוון אויסצובויען א סיעה ב' אין שוים פון דער וועלט-באוועגונג.

נאך ווייט איז ניט אפגעשלאסן די קייט פון ציוניסטיש-סאציאליסטישער אחדות. נאך האט די פארטיי פועלי ציון (צ. ס.) ניט געזאגט דאס לעצטעווארט. זי איז תמיד געווען א באוועגונג פון קלאס און פאלק און וועט זיך פריער אדער שפעטער באפרייען פון דעם, איר מהות-פרעמדן, סעקטאנטישן קלעם.

דעם 31 דעצעמבער 1947 איז פארגעקומען א וויטערער און וויכטיקער עטאפ אויפן וועג פון **קאנסאלידירן די מפא"י-כוחות אין דייטשלאנד**. א וואגיקער און באדייטנדער אקטיוו מיט גרויסע טיילן פון דער באוועגונג האבן פארלאזן די רייען פון פועלי-ציון (צ.ס.). די אנהענגער פון איחוד עולמי און מפא"י, וועלכע האבן אויפריכטיק געגלויבט אין דעם וועג פון ניט מגדיר זיין די פארטיי און דערציען אירע חברים צו די ביידע ארבעטער-פארטייען אין ארץ-ישראל, האבן זיך ביטער אנטוישט. זייער שטרעבן אפצוהיטן די גאנצקייט פון דער פארטיי אין גלות האט זיך די גאנצע צייט אנגעשטויסן אן דעם ארגאניזירטן און גוט-דורכגעטראכטן פלאן פון דער סיעה ב' צו דעראבערן די באוועגונג אין דייטשלאנד און ארויפצולייגן אויף איר דעם חותם פון דער „תנועה לאחדות העבודה—פועלי ציון". די פאראייניקונג מיט די פועלי ציון (לינקע) אין ארץ-ישראל און דער פרווו אנצווארפן דעם זעלבן וועג דער פארטיי אין דייטש-

לאנד האבן איבערגעפילט די מאָס. די פערנוואַלדער קאנפערענץ פון פועלי-ציון (צ.ס.), וועלכע האט קינסטלעך אויפגעצוווּנגען דער פארטיי דעם אידייאישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן בונד מיט דער תנועה לאחדות העבודה—פועלי ציון״ אין ארץ=ישראל, האט דערפירט צו א שפאַלטונג פון די אייגענע רייען.

די קאָנסאָלידאַציע פון די מפא״י=כוחות אין דייטשלאנד איז ווייט ניט קיין איינמאָליקער אַקט. זי איז א פ ר אָ צ ע ס. וואס וועט ארומנעמען אלץ גרעסערע טיילן פון דער ציוניסטיש=סאציאליסטישער באוועגונג. און ס׳איז ממש סימבאָליש פאר דעם וועג פון אונדזער פארטיי. וואָס אין אזא גורל=מאמענט פאר ארץ=ישראל שליסט זי צונויף אירע רייען און קאנסאלידירט אירע כוחות אין אנבליק פון די באפאָרשטייענדע אויפגאבן.

מיר האבן געוואַרט אויף דעם כ נ ו ס פ ו ן ק א נ ס א ל י ד א צ י ע. מיר האבן געגלויבט, אז מיר וועלן זיך באגעגענען, און בלויז א טראַגישער צופאַל האט געקאנט פארמיידן אדער אָפּשטויסן די באגעגעניש. די ציוניסטיש=סאציאליסטישע באוועגונג איז רייך אין אזעלכע באגעגענישן; אין זיי קומט צום אויסדרוק איר וווּנדערבארע פעאיקייט צו פאראייניקן און צוזאמענשמעלצן די שעפערישע כוחות פון יידישן ארבעטער=קלאס. און אויב ס׳איז תמיד געווען א געשעעניש, איז עס אוודאי און אוודאי היינט, אין חרובן גלות, און אין א יידישן לאגער, וועלכער האט זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלאגן צום שוועל פון גאולה.

מיר זעען אין דער קאנסאלידאציע א וויכטיקן עטאַפּ פון כוחות=זאמלונג, א סך=הכל און אַן אָנזאָג. א רוף צו די וואס זיינען נאך אונטערוועגס. זיי וועלן קומען!

יארן פון מלחמה=פארווירונג און די שפאלטונג אין ארץ=ישראל האבן גורם געווען דערצו. אז די פארטיי אין חרובן גלות איז געקומען צו זיך און האט צוריק אויפגעלעבט ערשט נאך א לאנגן און מיזאַמען וועג. מיר האבן זיך פארלוירן און ווידער צוריקגעפונען.

די שטוטגארטער קאנפערענץ, די גרינדונגס= און פאראייניקונגס=קאנפערענץ פון דער פארטיי אין דייטשלאנד האט געלייגט די יסודות. פון דאן איז די באוועגונג געוואקסן צו אלץ גרעסערע און שווערערע אויפגאבן.

היינט שטייען אויף אונדזער סדר=היום:

א) דער אלגעמיינער ג י ו ס פון דער שארית הפליטה,

ב) די ה כ ש ר ה פון די יידישע לאגערן פאר ארץ=ישראל, אין יעדן זין פון וואָרט: די גייסטיק=קולטורעלע, די בארופלעכע, און פריער פאר אלעמען: די פיזישע זעלבסט=שוץ=הכשרה,

ג) ה ע פ ל ה און ע ל י ה.

די פאראייניקטע פארטיי פועלי ציון (צ. ס.) — התאחדות ווענדעט היינט ווידער איר באנייטן רוף צו אלע אונדזערע חברים אין דער פועלי ציון (צ.ס.)=באוועגונג:

זאָלן זיי קומען און בויען די געמיינזאַמע היים ווי א פעסטן פעלזן, קעגן וועלכן ס'וועלן זיך צעשלאָגן די כוואַליעס פון צעשטערונג. די טראַגישע פּרשה פון אחדות און שפּאַלטונג דערגענטערט זיך צו איר פינאַל.

איז דאס באמת איר פינאַל? איז עס שוין דאס לעצטע וואָרט אויף דער שוועל פון גורל-פולע אנטשיידונגען? אלץ שרייט נאך פאראייניקונג אין אונדזער ווירקלעכקייט: די חורבות פון יידישן לעבן אין אייראָפּע, דער ליידן-פולער געבורט פון א יידישן ארבעטער-קלאס, דער אנטי-ציוניסטישער קרייץ-צוג פון ליקווידאַציע, דער אָנגריף פון יידישן פאשיזם, די חבלי-לידה פון דער יידישער מדינה.

דער יידישער ארבעטער קאן ניט „מאַרשירן באזונדער און שלאָגן צוזאַמען". ער מוז אויך מאַרשירן צוזאַמען, אויב ער וויל ניט אראָפּגיין אדער אויעקגעשטויסן ווערן אין א זייט פון זיין היסטאָרישן שליאַך.

ער מוז תמיד געדענקען, אז די יידישע געשיכטע האט ניט קיין אנדערן, ווי דעם ארבעטער-האַמער אויף אויסצושמידן דעם יידישן גורל, און אז יעדער אנדער האמער, וואָס וועט דאַרפן פאלן אויף דער קאָוואַדלע פון דער יידישער גויט, וועט פאַלן קודם כל אויף די קעפּ פון די יידישע ארבעטער.

8. יידישער סאציאליזם אין שיין פון יידישער קאטאסטראפע

מיר שטייען היינט פאר א נייער אילוזיע, און ס'איז אונדזער אויסגאבע צו אלארמירן קעגן איר, איידער זי וועט באוויזן צו שלאָגן טיפע וואָרצלען אין באוווסטזיין פון די יידישע מאסן. די אילוזיע, וואס שוועבט אין דער לופט, איז קעגן דער געשיכטע פון אונדזער גלות-קיום און גייט אריבער צום סדר-היום איבער די נעזעצן פון דער יידישער גלות-עקאנאמיק. לויט איר איז די סיבה פון יידישן חורבן א פּאָליטישע, א פאָראיבערגייענדיקע; זי שטעלט מיט זיך פאָר א מין „היטלעריזאציע" פון דער יידישער אנאָמאַליע; זי באדייט אין באשטימטע באדינגונגען א נייעם גלות פאר ערנסטע טיילן פון דער שארית הפליטה.

ניט מלחמה האט געבוירן די דאזיקע לאַגערן און ניט היטלער איז די אור-סיבה פון דער דאזיקער קאטאסטראָפע. אירע זאמען זיינען געוואָקסן און רייף געוואָרן אין באדן פון דער יידישער גלות-ווירקלעכקייט לאנג, נאך איידער ס'האט זיך דערהערט דער ערשטער נאצישער, אנטי-יידישער העץ-געשריי, לאנג, נאך איידער ס'האט א שלאָג געגעבן דער דונער פון פארניכטונג.

ווי א וואָצל-לאָזער בוים איז אומגעפאַלן דער יידישער קיבוץ אין אייראפע. דאס יידישע לעבן האט קיינמאל ניט געשלאגן קיין וואָרצלען אין זומפּיקן און פרוכטלאָזן גלות-באָדן. ווילדע געוויקסן אָן ריח און זאַפט זיינען עס געוועזן וואָס יעדעס ווינטל האט זיי געבויגן און געשליידערט אין אלע עקן פון דער וועלט. פון פרעמדע בוימער האָבן מיר געצויגן אונדזער יניקה, אין פרעמדע הייזער געלייגט אונדזערע נעסטן, פון פרעמדע ברונעמס געשטילט אונדזער דורשט. אונדזערע הענט האבן באוויגן די רעדער פון פרעמדע מאַשינעס, וואָס זייערע טרייב-געזעצן זיינען באשטימט געוואָרן דורך אנדערע. אונדזערע מוחות האבן פּראָדוצירט אידייען פאר פרעמדע, וואס זיינען מיט פעסטע פיס געשטאנען אויף דעם אייגענעם באָדן. אונדזערע נאַציאָנאַלע חושים און אינסטינקטן אָפּגעטעמפּט און אויסגעטריקנט, האבן זעלטן דערשפּירט דעם אָנקומענדיקן שטורם.

מיר האבן געגלויבט אין גלייכבארעכטיקונג און עמאנציפּאַציע און אין זייער בלענד-שיין געגאַנגען פון געטאָ צו געטאָ.

מיר האבן געבאנט דעם וועג פאר קאפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג און זיינען די ערשטע אלם „איבעריקע" צעריבן געוואָרן דורך אירע מיל=שטיינער. מיר האבן מיט אונדזער בלוט געשמירט די רעדער פון אלע רעוואָלוציעס, און זיינען תמיד די ערשטע געפאלן ביי די צעשמעטערטע באַריקאַדן.

אונדזער מיטלשטאנד האט געלעבט פון לופט, אונדזער בורזשואזיע פון חסד פון פרעמדע, אונדזער אינטעליגענץ פון די שריים פון אסימילאַציע, אין אומכבוד און אין גייסטיקער ירידה. אונדזער גרויסער צושטייער צו אלע געזעלשאפטלעכע און פאליטישע אומוועלצונגען איז געווער א מעכטיקער פראָטעסט קעגן דער חרפּה פון אונדזער שוואַכקייט.

אונדזער פראָלעטאריאט איז געשטאנען מחוץ פון די אנטשיידנדיקע פראָנטן פון דער געזעלשאפט. ניט אין קוילן=גרובן און גרויסע פאבריקן, נאר אין קליינע ווארשטאַטן האט זיך געפורעמט זיין גורל און ס'איז באַשטימט געוואָרן זיין אָרט אין דעם ריזיקן כוחות=פּאַרמעסט.

זיין פלאמענדיקער ראדיקאליזם איז געווען אַן אויסדרוק פון אונדזער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אָנמאַכט. זיין „סטראַטעגישע באַזע" איז געווען נול, זיין קאמפּס=טעמפּעראַמענט — הונדערט.

מיר האבן געלעבט מיטן כוח פון אילוזיע, און וואָס גרעסער איר אומפאַנג, אלץ שטאַרקער איז געווען די רעאַליטעט פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע.

אין שוים פון גלות איז די יידישע קאַטאַסטראָפע רייף געווארן — אונדזער אָנמאכט און באַדנלאָזיקייט האבן איר אויסגעטראגן; דער בירורגישער מעסער פון יידן=האַס האט זי בלויז צום ליכט=שיין געבראכט. זי איז היינט, אין דער באַפרייטער וועלט ניט ווייניקער ממשותדיק, ווי נעכטן און אייער=נעכטן. זי איז אומאָפּהענגיק פון א גוטער אדער א שלעכטער וועלט, פון גוטע אדער שלעכטע גויים, פון דעם אדער אנדערן רעזשים.

ווייל זי אליין איז א נאטירלעכער באגלייט=שאָטן פון דעם ג ל ו ת=ר ע ז ש י ם. און דערפאר זיינען אירע אינערלעכע געזעצן און אנטוויקלונגס=טענדענצן איינע און די זעלבע אין פוילן און אין ענגלאנד, אין רומעניע און אין אמעריקע. דער „בונד" און די אסימילאַציע אין אלע אירע ניואַנסן און שאַטירונגען, האבן געמיינט צו באפרייען דאס יידישע לעבן פון געשפּענסט פון אָנמאכט דורך דעם אָנשפּאַרן זיך אינגאנצן אויף א פרעמדן, אויסערלעכן כוח, גאנץ גלייך צי האט ער געהייסן עמאנציפּאציע, ליבעראַליזם אדער קאָסמאָפּאָליטיזם. די דאזיקע אידייען באפרייען אבער נאר די יעניקע, וואס זיינען גענוג שטארק און רייף פאר באפרייאונג, ד. ה. נאָרמאַלע, אין אייגענעם באָדן, איינגעוואַקסענע פעלקער.

דער ציוניזם, דאקעגן, האט אויפגעהויבן די פאָן פון א י י ד י ש ע ר ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע, וועלכע איז די גרעסטע און אייגנארטיקסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. זי באדייט ניט אן איינמאָליקן אקט פון מאַכט=דעראָבערונג און רעזשימען=וועקסל. אליין מוז זי שאפן מלוכה=מאכט אין

אונדזער לעבן, און אליין, טריט נאך טריט, ענדערן אונדזער גאנצע ווירק־לעכקייט און גלות־געשיכטע. זי קען ניט רעכענען צו פיל אויף אָביעקטיווע כוחות און פּראָצעסן הגם אויף זייערע כוואַליעס ווערט זי געטראָגן: זי מוז זיך — דער עיקר — שטעלן מיטן פּנים צים מענטש און פון זיין נשמה שאַפן די פונקן פאר אירע ברענענד־יקע פאקלען. און ווייל אזוי האט זיך אנטפּלעקט אונדזער שוואַכקייט אין גלות, מוז די יידישע רעוואָ־לוציע זיין א סאָציאַליסטישע. דער ציוניזם וועט ליקווידירן דעם גלות־רעזשים מיט אלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען נאר אלס סאציאליס־טישער ציוניזם.

ווייל אלץ אין אונדזער לעבן רופט נאך איבערבוי און ווידערגעבורט.

די יידישע רעוואָלוציע שטייט היינט אויף דעם אמייסטן גורל־פּולן שייד־וועג פון איר געשיכטלעכן שליאַך:

צווישן חורבן פון גלות און די פּאַרמאַכטע טויערן פון לאנד. אין דעריבער קאן זי ניט בלייבן אין מיטן וועג און מוז שפּאַנען ווייטער, אויב זי זאל ניט צעריבן ווערן צווישן די מיל־שטיינער פון א נייעם וועלט־חורבן.

דער „בונד" האט פארלייקנט די יידישע רעוואָלוציע; דער אנטי־ציוניזם האט זי געלייגט אין חירום. יידישע נויט און יידישע פאלקס־אינסטינקטן האבן א"י דערהויבן צו א צענטראַלן כוח אין יידישן פאלקס־לעבן.

נאך לאנגע יארן פאר דער מלחמה, האט דער גרויסער יידישער קיבוץ אין פּוילן געצאַפּלט צווישן טויט און לעבן, געשמיסן געוואָרן מיט בלוטיקע בייטשן פון עקסטערמינאַציע און פּאַגראָמען, פון „נומערוס־נוללוס" און שחיטה־גזירות. און אין גרויסן ים פון בלוט און טרערן, פון ליידן און יסו־רים, — א גרויסע ציוניסטישע מחנה, אַן אָפּפערווייליקע חלוצישע באַוועגונג: גרויע, אומבאַקאנטע זעלנער פון קליינע יידישע שטעטלעך, וואס האבן געוואָרפן טאַטע און מאַמע, געקרענקט און געהונגערט, געשפּאַנט איבער וועגן און ימים און געקלאַפּט מיט נייע יידישע פויסטן אויף די שוין דאַן אלץ שמעלער־ווערנדיקע טויערן פון ארץ־ישראל.

דאס איז געווען די רעוואָלוציע אין יידישן לעבן. אין דער זעלבער צייט האבן „בונד" און „יעווסעקציע" העפטיק באַקעמפט דעם ציוניזם, און געשטעמפּלט זיין „דעזערציע" פון דעם גלות־„פראנט" אלס „פּאַראַט" אין סאַציאַליזם. זיי האבן צוגעשמידעט גרויסע מאסן צו דעם וואקלדיקן באָדן פון יידישער אנמאכט. זיי האבן געיובלט איבער אן אנטי־ציוניסטישער גזירה, געריבן די הענט אין פייער־שיין פון אראבישע בלוט־מהומות און רציחות, באַשפּיגן מיט גאַל און מיט צאָרן דאס יידישע ארבעטער־ווערק אין ארץ־ישראל.

און בעת דער חורבן האט שוין געלייגט זיין שווארצן שאטן אויף דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן, האבן זיי נאך אלץ פארשכורט די יידישע מאסן מיט זיסע לאָזונגען פון א גלות־גאולה, און איינגעוויגט אין א טיפן האַלוצי־

נאַציע=שלאָף, פון וועלכן ס'האט זיי אויפגעוועקט ערשט דער מעסער פון שחיטה.

לאַנגע יאָרן האבן זיי גערופן די יידישע מאסן צו לעבן און צו שטארבן אין דעם הייליקן גלות=לאנד; זיי האבן געהייליקט ממש דעם אלט=נייעם „על קידוש הגולה". און בעת דער דונער האט א שלאָג געגעבן, זיינען זיי די ערשטע געלאָפן פון דעם גלות=„פראנט" און לעבן היינט, ווער אין אמעריקע פון שחיטה=דערציילונגען, ווער אין יידישן לאַגער פון קצבה, און ווער גאָר אויף דעם „ציוניסטישן ווולקאַן" אין ארץ=ישראל.

ניט לאנג צוריק האט דער „בונד" אָפּגעהאלטן א וועלט=צוזאמענפאר אין בריסל. א גאנצע יידישע וועלט איז אונטערגעגאנגען, נאר זייער גלות=וועלטל איז שטיין געבליבן. זיי האבן גארניט געלערנט און גארניט פארגעסן — די טראַגיש=קאָמישע באַנטשע=שווייגס פון א נאָדל=רעוואָלוציע, די אלטע אויסגעוועבטע טרובאַדורן פון א גלות=גן=עדן, די דיבוקס פון א „פּראָלעטארישן" משיחיזם.

דער פּרוּוו אויסצולייזן די רעוואָלוציע אין דער יידישער גאס פון איר אייגנציק מעגלעכן יידישן תוכן, איז פולשטענדיק דורכגעפאַלן. ער האט געשאפן א גרויסע באוועגונג פון יידן=סאָציאַליסטן, אבער ניט פון א יידישן סאָציאַליזם.

ניט האבנדיק דעם כוח אליין צו ברענגען די באפרייאונג, האט דער אנטי=ציוניזם געבעטן צו באקומען זי פון פרעמדע הענט. ניט גלויבנדיק אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, האט ער געוואָלט, עס זאל שטארבן מיט דעם „הערגאָאישן" טויט. ער האט ניט פארשטאנען, אז פונקט ווי אנדערע פעלקער, קענען מיר בײשטייערן אונדזער גרעסטן צושטייער צום אינטערנאציאנאַלן סאציאליזם נאר דורך א יידישן סאציאליזם, וואָס ווערט פארווירקלעכט אין אַן אייגן לאנד און זאַפּט אין זיך איין די ווערטן פון יידישער קולטור און יידישער געשיכטע.

איז אבער דער אנטי=ציוניזם באמת פארשווונדן פון יידישן לעבן? איז די „אנטי=ציוניסטישע קאנצענטראַציע" א זאַך פון פארגאנגענהייט?

לאמיר זוכן ביי באָראָכאָוון איר אייגנטלעכן זין און תוכן, בכדי צו פארשטיין ווי גרוים נאך איז איר סכנה אין דעם איצטיקן מאמענט:

„ביי די יידן קומט פאר די קאנצענטראציע (פון געזעלשאפטלעכע כוחות) ניט לויט די קלאסן=ליניעס נאר לויט נאציאנאלע שטרעבונגען. אין אונדזער פאלק צעפלאקערט זיך ניט קיין קאמף צווישן בורזשואזיע און פּראָלעטאריאט, שטאָט=באפעלקערונג און אגראריער — נאר צווישן ציוניזם און די צום גלות=צוגעבונדענע גרופן פון אלע קלאסן. און פריער פאר אלץ הויבט זיך אָן די קאנצענטראציע אין די רייען פון די אנטי=ציוניסטן".

נאך האבן ניט די אנטי=ציוניסטן דעם מוט צו באווייזן זייער אלטן פרצוף; נאך בלאָנדזשען זיי ווי שאָטנס צווישן די חורבות פון זייער אמאליקן אידייען=בנין. מאָרגן וועלן זיי ארויס — אינמיטן פון א שווערן ציוניסטישן געראנגל, ביי די חבלי=לידה פון א יידישן עקזאָדוס, אויף דער סאמע שוועל

4*

פון באפרייאונג. זיי וועלן נאך אָפּן קומען צו הילף בעווינען, פונקט ווי זייערע פאָרגענגער אין פוילן האבן — מאָראַליש און פּאָליטיש — געשטיצט לאָרד פּאספילד און מאַקדאָנאַלדן.

ווייל ניט אין דער אידעאָלאָגיע, און ניט אין די „לאָזונגען" וואס דער אנטי-ציוניזם ליגט פאר דעם יידישן פאלק, שטעקט זיין כוח. און הגם דער „בונד" ליגט אין חורבות, זיינען אבער נאך פארבליבן די יעניקע כוחות, פון וועלכע ער האט אַמאָל געצויגן זיין יניקה, און צו וועלכע ער האט אפעלירט.

דער הויפּט-מקור פון אנטי-ציוניסטישן כוח איז געווען און פאר-בליבן, — די יידישע שוואַכקייט און צופּאַסונג צו א נייעם גלות. און ווי טראַגיש עס זאל ניט זיין, הויבן אָן צו שוועבן אין דעם אויפגעצווונגענעם תפיסה-לעבן פון יידישן לאַגער אין דייטשלאַנד חלומות וועגן ווידעראיינ-אָרדנען אונדזער לעבן אין פוילן און אפילו אין דייטשלאַנד. חורבות וועלן אָפּגערוימט ווערן, קברים וועלן פאַראַקערט ווערן, און דער ריח פון בלוט וועט אוועקגיין מיט דעם ווינט. אפילו די חרובע דייטשע ווירטשאַפט וועט זיין אימשטאַנד איינצושלינגען דאס ביסעלע יידן, בכדי זיי נאָך א צייט ווידער אויסצושפּייען אין א בלוטיקן פארניכטונגס-שטראָם.

„ביי אונדז איז ניטא קיין קאמף פון קלאסן-אידעאָלאָגיעס. דער קלאַסן-אינהאַלט פון אונדזערע פארשידענע אידעאַלן קומט ניט פון יידישן נאר פון ארומיקן לעבן. דאס לעבן פון ארומיקע פעלקער שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדזערע אידעאָלאָגיעס — אנשטאָט דעם א קאמף צווישן נאַציאָנאַלע שטרעבונגען — אַמאָל צווישן השכלה און אָרטאָדאָקסן, שפּעטער ציוניזם און אסימילאַציע, היינט ציוניזם און גלות". (באָראָכאָוו: אנטי-ציוניסטישע קאנצענטראַציע).

דער קאמף צווישן ציוניזם און גלות איז נאך ווייט ניט פארענדיקט.

נאך שטאַרק איז דאס קלאָגן און וויינען אויף דעם חורבן פון יידישע הייזער און פארמעגנס, און נאך טיף איז די בענקשאַפט נאך דעם יידיש-„שטעטעלע בעלז", וואָס איז קיינמאל ניט געווען יידיש, פונקט ווי ס'זיינען ניט געווען יידיש די אלע שטעט און שטעטלעך, באוווינט אַמאָל דורך יידן אין גלות.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם דארף זיך שטעלן אין דעם דאזיקן קאמף מיט זיין פולער מאָראַלישער השפּעה.

ער מוז פונדאַסניי אנטפּלעקן פאר די יידישע מאסן די אמתע שרשים פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע, ריקזיכטלאָז צעשמעטערן יעדע אילוזיע פון א נייעם גלות, רופן צו שטעלן זיך מיט דעם פנים צום עתיד!

אין זיין נשמה ליגט דער דאזיקער קאמף.

קיינמאל אין דער געשיכטע איז א גאנצער נאַציאָנאַלער קיבוץ ניט געווען אזוי קנין-לאָז, אזוי ארעם, אזוי איינהייטלעך און „גלייכגעשאל-טעט" אין זיין סאָציאַלער סטרוקטור, אזוי פּראָלעטאַריש, ווי דער קיבוץ פון דער שארית הפליטה.

אײן קלאַס פֿון באַזיצלאָזע, װאָס װיל װערן אַ נאַציע!

באַרױבט פֿון די רעכט אױף אַרבעט, אױף אַ מענטשלעכער לעבן, אױף אַן אײגענע הײם — איז ניט דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון דער שארית הפּליטה באַרופֿן צו זײַן אין דער מחנה פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם, און בױענדיק אַן אײגן לאַנד, איבערבױען אױך דאָס אײגענע לעבן?

װער נאָך נױטיקט זיך מער אין טיפֿע װאָרצלען און יידישן באָדן, און אין דער הײלנדיקער קראַפֿט פֿון יידישער שאַפֿונג?

די ציוניסטיש=סאָציאַליסטישע באַװעגונג מוז זיך באַפֿרײַען פֿון פֿיל באַגריפֿן און אַטאַװיזמען, װאָס זײַנען עלול אױפֿצושטעלן מחיצות צװישן איר און דעם מינדעסטן טײל פֿונם יידישן לאַגער.

זי דאַרף װיסן — מיט די װערטער פֿון נחמן סירקין — „צו דערהײבן דעם אינדיװידועלן פּראָטעסט צו דער מדרגה פֿון אַלגעמײנעם פּראָטעסט, װאָס שטרעבט צו געשטאַלטן אונדזער לעבן אױפֿראַסנײ״.

און דאַן „װי אַ פֿאָרם פֿון פּראָטעסט קעגן דער חרפּה פֿון יידן, איז עלול דער סאָציאַליזם צו װערן אַ קנין פֿון כּלל=ישׂראל...״.

די װעלכע פּרײדיקן אַריבערצופֿלאַנצן דאָס גלות=לעבן קײן ארץ=ישׂראל, פּרײדיקן די אױפֿשטעלונג פֿון אַ נײַעם געטאָ, װאָס מוז דערפֿירן צו אַ נײַער קאַטאַסטראָפֿע.

דער שװער=פּונקט פֿון ציוניזם ליגט אין סאָציאַל=עקאָנאָמישן און ניט אין פּאָליטישן שטח — אַן עלעמענטאַרער אמת, װאָס װערט ניט אײנמאָל פֿאַרטושט אין דער תּקופֿה פֿון געשטײגערטן פּאָליטישן גערַאַנגל. אָפֿט שײַנט די ערשטע ליניע פֿון ציוניסטישן געראַנגל צו זײַן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָזיציע, בעת זי איז אין דער אמתן ניט מער װי אַ חלק אין דעם גרױסן, ברײטן און אַלײן=אַנטשײדנדיקן אױפֿבױ=פֿראָנט. דער פּאָליטישער אַקטיװיזם איז דאָס נאַטירלעכע און לעגיטימע קינד פֿון חלוצישן אַקטיװיזם.

די סאָציאַלע גלות=סטרוקטור מיט איר איבערפֿלוס פֿון „לופֿטמענטשן״ איז ניט אימשטאַנד צו באַזײַגן דעם פֿעאָדאַלן רעזשים אין ארץ=ישׂראל. און אין זײַן שאָטן איז ציוניסטישע פֿאַרװירקלעכונג פֿאַראורטײלט אױף אַ דורכפֿאַל.

פֿאַר דעם אײַנװאָרצלען זיך אין באָדן פֿון ארץ=ישׂראל זײַנען נױטיק יידישע לאַנדװירטן און אַרבעטער, יידישע קאָמונעס, נײַע לעבנס=װערטן. אַנדערש זײַנען מיר עלול צו דערפֿילן די זעלבע ראָל צװישן די אַראַבישע פֿעלקער, װעלכע מיר האָבן דערפֿילט הונדערטער יאָרן אין אײראָפּע.

יידן זײַנען געװען נױטיק אַלס פֿאַרמיטלער אין דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט, געװען פֿינאַנצירן און װעגװײַזער פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטװיקלונג און געװאָרן „איבעריק״ אין אַ מאָמענט, װען ס׳זײַנען אױסגעװאַקסן און רײַף געװאָרן די אַנטשפּרעכנדיקע שיכטן פֿון די הערשנדיקע פֿעלקער. אַ אײביקער ציל פֿון די פֿאַרסמטע פֿײַלן פֿון מאַכט=פֿאַרביטערונג

אין יעדער איבערגאנגס=תקופה פון איין געזעלשאפטלעכן רעזשים אין א צווייטן, זיינען די יידן בסוף געוואָרן א קרבן פון פארניכטונג.

נאר א דאנק דעם סאציאליסטיש=רעוואָלוציאָנערן תוכן פון ציוניזם און זיין מעכטיקער באנייענדער קראפט, האט זיך געקענט דאס יידישע לעבן פאראַנקערן אין א ים פון פעאָדאַלער אָפגעשטאנענקייט און שאפן א מקום מקלט פאר מיליאנען יידן.

און פונקט ווי די יידישע נויט אין גלות, אזוי פארלאנגט אויך דאס לאַנד זיין איינציקן אויסלייזער — דעם יידישן סאציאַליזם.

די קעמערלעך פון א סאציאַליסטישער געזעלשאפט אין ארץ=ישראל זיינען אנטשטאנען אלס נאציאנאלער לעבנס=געבאט און ניט אלס רעזולטאט פון ערגעץ=וועלכער טעאָריע.

אזוי איז געווען מיט דער יידישער קאמונע, מיט יידישער ארבעט, אזוי מיט דעם נאציאנאלן באָדן, אזוי מיט דער הסתדרות העובדים. אָן זיי וואָלט דער ציוניזם פארבליבן אַן אוטאָפיע.

און נאך איינס: דאס לאנד איז קליין, און די יידישע נויט איז גרויס. נאך קיינמאל איז ניט געווען אזוי דרינגנד די נאציאָנאַלע נויטווענדיקייט צו פארווירקלעכן דעם סאציאַליזם, ווי היינט, אין אָנבליק פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע — די נויטווענדיקייט אויסצינוצן אַלע אוצרות פון באָדן און ווײַטער פאר דער יידישער קאָלאָניזאַציע, צו באזעצן וויסטע שטחים מיט יידישע קאמונעס, צו פארשאפן ארבעט פאר א יידישער מאסן=עליה.

קען עס געמאכט ווערן מיטן כוח פון פריוואַטער איניציאַטיוו, אדער ווערן אַן אָביעקט פון קאפיטאליסטישער עקספּלאָאַטאציע?

ציוניזם קען ניט פארווירקלעכט ווערן אין פוסטן סאָציאַלן חלל און די יעניקע בירגערלעכע „טעאָרעטיקער", וועלכע טענהן אז פריער דארף מען אויפשטעלן די יידישע מדינה און דאַן ערשט באשטימען איר סאציאלן תוכן און כאראקטער, זיינען ענלעך צו יענע ארכיטעקטן, וואס האבן באַשלאסן אויפצובויען א הויז. און ערשט דאַן ווען עס וועט פערטיק ווערן, צו בּאראטן זיך, פון וועלכן בוי=מאטעריאַל עס זאל צוזאמענגעשטעלט ווערן...

ווי נביאיש קלינגען היינט די ווערטער פון נחמן סירקין: „די רעדער פון דער יידישער רעפובליק וועלן זיך ניט באוועגן אָן די שטארקע אָרעמס פון די יידישע ארבעטער".

„דער ציוניזם — ייי חיה ער זאל זיך צוזאמענשמעלצן מיטן סאַציאַליזם"

9. יידישער לאגער — א״ז געראנגל

דאראן גורמים, וואס באשטימען א באזונדערן פלאץ פאר דער שארית הפליטה אין ציוניסטישן געראנגל. די דאזיקע גורמים ווירקן אביעקטיוו, זיי באדייטן אבער ניט, אז די שארית הפליטה דערפילט איר ראל אין ציוניסטיש־פאליטישן פראנט אויטאמאטיש פון זיך אליין, און אין אלע באדינגונגען.

אמת, די עצם־עקזיסטענץ פון יידישע פליטים־לאגערן, נאך אזא בלוטבאד, אויף דער דייטשער ערד, נאך דער באפרייאונג, האט איר מאראלישע און פאליטישע באדייטונג און העלפט אוועקצושטעלן פאר דער וועלט די י י ד י ש ע נ ו י ט אין איר גאנצן טראגישן אומפאנג. דאס אליין, אבער, גענוגט ניט אין א וועלט, וואס האט געליטן די גרעסטע פארלוסטן אין מלחמה אויפן געביט פון מאראל, און וואס איר געוויסן איז — מער ווי אן אנדער מאל — פארפאנצערט מיט עגאאיסטישע אינטערעסן. און אויך דער יידישער לאגער עקזיסטירט אלס אזעלכער אין ציוניסטישן געראנגל נאר דאן, אויב ער אליין האט דאס באוווסטזיין פון זיין ציוני שליחות.

וועלכע זיינען די מקורות פון אט די דאזיקע כוחות, וואס באשטימען די שארית הפליטה אלס באזונדערן און וואגיקן גורם אין ציוניזם נאך דער מלחמה? דער יידישער לאגער קעמפט היינט פאר דעם עצם־ק י ו ם פון זיין ל ע צ ט ע ר ה א פ נ ו נ ג, די זעלבע, וועלכע האט באגלייט דעם יידן אויף זיין לעצטן וועג און געמאכט אים טרייסטן, אז ער וועט בלייבן לעבן אין דערזען דעם גרויסן טאג פון באפרייאונג. אויף דער דאזיקער האפנונג האט זיך געשטאלטעט דאס לעבן און אדורכלעבן אין די געטאס און אין די לאגערן, אין וועלדער און אויף די פראנטן; און איר ווי אן לעצטן אנקער, האט זיך געקלאמערט דער אונטערגייענדער יידישער מענטש: „ס׳וועט נאך קומען דער טאג...״.

ווי א פארבארגענער טאליסמאן, ווי א שטומער פאראל, האט די לעצטע האפנונג פארבונדן מיליאנען אין איין גרויסער מחנה. 6 יאר האט זי גענעבערט אין יידישן אויסגעפייניקטן מוח. 6 יאר האט זי געמאכט לויפן דאס בלוט אין די אדערן, זיי זאלן ניט פארגליווערט ווערן פון גרויל און פארצווייפלונג.

„ס'וועט קומען דער טאג" — און דער טאג איז געקומען... ווען היטלער האט געמאָרדעט יידן, איז פארבליבן די האפנונג, בשעת די וועלט מאָרדעט די האָפנונג, בלייבט — געראנגל.

דאס איז א חשבון מיט דער וועלט וועגן דער האפנונג פון יענע יארן — א קאמף קעגן דער פאלסיפיקאַציע פון באפרייאונג און קעגן דער בלוטיקער מאסקאראדע פון נצחון. און נאך איינס: נאָך יארן, אין וועלכע די חרפה פון יידישער אָנמאַכט און דאס הפקר זיין פון יידישן בלוט, האבן זיך אזוי שטארק איינגעוואָרצלט אין באוווסטזיין פון יידן און ניט-יידן, איז געראנגל געוואָרן א טיפע זעלישע באַדערפעניש פון דעם יידישן מענטש. ער מוז קעמפן פאר דאס רעכט אויף ווידערשטאנד, וואָס איז פון אים צוגערויבט געוואָרן די אלע יארן, אויב ער וויל באשטיין זיין אָרט אין דער באפרייטער וועלט, אלס ייד און מענטש, אין די אייגענע אויגן און אין די אויגן פון די גויים.

די יידישע בריגאַדע האט געזעטיקט און באפרידיקט די אינערלעכע באדערפעניש פון יידישן כוח און דערין איז געלעגן די מאָראַלישע און ציוניסטישע קראפט פון איר שליחות.

אין אזא מצב האט דער געראנגל פון ארץ-ישראלדיקן ישוב געהאט פאר דער שארית הפליטה אן אומגעהויערע באדייטונג. ווי א ליכט-שטראַל איז ער געווען פון דער ווייטנס, געבנדיק מוט און אויסדויער, און באַגלייטנדיק די שיפן פון מעפּילים צו די ברעגעס פון ארץ-ישראל. ווי א סיגנאַל האט ער געלויכטן פאר דעם פינצטערן לאַגער פון דער שארית הפליטה, אנזאגנדיק, אז דער קאמף פאר ציון ווערט פארגעזעצט און אז דארט, מעבר לים, ביי די ברעגעס, וואַרטן ברודערלעכע אָרעמס, וואָס וועלן אויפנעמען און באשיצן די אנקומענדיקע...

נאך ווייט איז ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן דער ווערט פון מאַניפעסטאַציע פון יידישן כוח אין ארץ-ישראל אויפן אלגעמיינעם פאָן פון יידישער אָנמאַכט אין חרובן גלות. עס איז ממש געווען א נס, וואָס דער ניצול-געוואָרענער ייד האט געקענט שעפן זיין אמונה און בטחון אין דעם וואונדערבאַרן געראַנגל פון ארץ-ישראלדיקן ישוב. און גאנץ גלייך צי עמיצער איז בכוח צו דערפילן די ציוניסטישע פּאָטענצן פון יידישן לאגער און דערזען זיי אייך אונטער דער אויבערפלאך פון טאָג-טעגלעכן לעבן צי ניט, די שארית הפליטה בלייבט דאך דער איינציקער ממשותדיקער רעזערוו פאר העפּלה און דורכברעכן די פארמאכטע טויערן פון לאנד.

אמת, טאָג-טעגלעך שטויסן מיר זיך אָן אָן באאומרואיקנדיקע דערשיינונגען פון שוואַכקייט און אָפּהענטיקייט און מען קען קומען צו דער מסקנה, אז ניטא אין לאַגער דער טרעגער פאר ווידערשטאנד און געראנגל. מיר זיינען אבער מחויב צו זען די זאכן פון שטאנדפונקט פון אָביעקטיווער ווירקונגס-קראפט פון פארשידענע גורמים, ווי אויך פון א ברייטערער און אלגעמיינער פערספעקטיוו.

און זאל אלס ביישפיל דינען די שיף „עקזאָדוס 1947":

4.500 יידישע מענער, פרויען און קינדער. דוכט זיך: א גרויע, אָנמעכטיקע מאַסע פון א גאַנץ יאר, און דאך האט זי פלוצלינג אנטפלעקט א טראגישע עקשנות פון א דור, וואָס האט ניט קיין צוריק-וועג, און האט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון א קאָלעקטיווער פאלקס-גבורה. די שיף „עקזאָדוס 1947” האט געדינט אלס לעבעדיקער עדות פון דעם מעכטיקן לעבנס-ווילן, וואס איז פארבאָרגן אין דעם יידישן לאגער פון דער שארית הפליטה.

זי איז געוואָרן די שיף פון ווידערשטאנד, ווייל ווידערשטאנד איז געווען פאר איר דער געבאָט פון לעבן.

און אָן שום ספק האט זי אדורכגעבראכן אַן ערנסטן שפּאַלט אין דער מויער פון „ווייס-בוך” און אויפגעטרייסלט דאס באַוווסטזיין פון די פעלקער.

די שארית הפליטה האט געגעבן דעם ציוניזם די פ א ל ק ס-ה ע פ ל ה, פארבונדן מיט געראנגל און בלוטיקע קרבנות, אויף צו ברעכן די באלאגערונג פון ישוב. דער ארץ-ישראלדיקער ישוב האט מיט זיין געראנגל פאר דער נשמה פון חלוציש-מלוכהשער שאפונג, געגעבן דער שארית הפליטה אויסדויער, קראַפט און באַנייטע אַרינה איי זיך און איז דער צוקונפט פון יידישן פאלק.

10. טעראר און ווידערשטאנד

פאר דעם יידישן לאגער פון דער שארית הפליטה איז עס אן אומגליק, וואָס דער פרעכטיקער געראנגל פון ישוב איז אויסגעקרומט און פארשוועכט געוואָרן דורך די מעשים פון טעראָר, וואס שפּייזט זיך פון יאוש, אָנמאַכט און אַפּאַטיע און מאָביליזירט די פארדאָרבנסטע אינסטינקטן פון דעם חרובן גלות.

דער טעראָר רייסט ארונטער די אמונה אין ציוניזם און אין דער שאפונגס־קראפט פון ישוב, זייענדיק די נארישע אילוזיע, אז ארץ־ישראל קען דעראבערט ווערן מיט פיסטאָלן־שאָסן פון הינטער דעם פּלויט.

און דערמיט לענקט ער אָפּ די אויפמערקזאמקייט פון דער יוגנט פון די אנטשיידנדע עיקר־פראנטן אין ציוניזם און אין ארץ־ישראל.

ער מאכט דעם ציוניזם און די יידישע נויט צו א ביליקער סענסאציע.

איז דען א ריינער צופאל, וואָס די פּאָליטישע באוועגונג פון טעראָר האט ניט צו פארצייכענען קיין שום אנטייל אין התישבות און העפלה. — וועלכע אנטשיידן איבער דעם גורל פון אונדזער צוקונפט איז ארץ־ישראל און אין גלות?

און ניט קיין צופאל איז עס. וואס אין ארץ־ישראל האט דער טעראר — אָביעקטיוו און אומדירעקט — מיטגעהאלפן דער ענגלישער אַדמיניסטראציע צו פארפעסטיקן דעם מיליטערישן רעזשים פון אונטערדריקונג, און צו בארעכטיקן אים אין די אויגן פון דער וועלט אין די אמייסטן פאר ענגלאנד קריטישע מאָמענטן.

נאך דעם „שוואַרצן שבת" פון 29־טן יוני 1946, ווען א ראנק דער „הגנה" איז צעשלאגן געוואָרן דער פּלאן פון ענגלישן מיליטער־שטאב אריינצישלעפן און בייצוקומען דעם ישוב אין איין טאָטאַלער און „לעצטער" פארמעסטונג, איז געקומען דער פארברעכערישער אייפריים פון „קינג דייוויד האָטעל". וואָס האט געהאָלפן דער ענגלישער רעגירונג צו פארטושן דעם שווערן רישם פון אירע אייגענע מעשים און אָפּגעשוואַכט די רעשטלעך פון פּראָ־ציוניסטישער סימפּאַטיע אין דער וועלט.

און בעת די מעפּילים־שיף פון דער הגנה „עקזאָדוס 1947" איז געשטאנען אין א פּרעכטיקן און ביטערן געראַנגל אויף די ימים און האט געלענקט די אויפמערקזאמקייט פון אלע פעלקער אויף דער פראגע פון

יידישער היימלאָזיקייט, האבן די טעראריסטן געהאַנגען אין א וועלדל ביי נתניה 2 אומשולדיקע סערזשאַנטן — א מאַט וואָס האט ארויסגערופן א רעאַקציע פון עקל אין דער גאנצער וועלט און דערמעגלעכט דער בריטישער אַדמיניסטראציע צו כאַפּן אויפסניי אן „אָטעם=פּויזע".

דער טעראָר אין ארץ=ישראל האט ניט אנגערירט די בריטישע אימפּעריע אויף קיין איין האָר. ניט אים האט געמיינט די ענגלישע אדמיניסטראציע אין איר גרעסטער אנטי=ציוניסטישער אָפּענסיווע דעם 29=טן יוני 1946, ווען יידישע קיבוצים זיינען אנגעגריפן געוואָרן מיט טאַנקן און האַרמאַטן און טויזנטער חברים פון דער ארבעטער=קאָלאָניזאַציע האבן פארפולט די געפענגנישן און די שטראָף=לאַגערן. דער מיליטערישער רעזשים האט ניט געמיינט די טעראָריסטן, ווייל ניט אין זיי האט ער געזען דעם כוח, וואס דערלויבט ניט אָנצוואַרפן דעם ישוב דעם בעווין=מאָריסאָן=פּלאַן.

דעם דאזיקן כוח האט די ענגלישע אדמיניסטראציע געזען אין דריי הויפּט=גורמים: אין דער ציוניסטישער ליטונג, אין דער הסתדרות העובדים און דעם וואָפן פון דער יידישער הגנה. קעגן זיי האט זי געווענדעט דעם טאָטאַלן אָנגריף.

די טעראָריסטן ווייסן עס גאנץ גוט און ניט „דאָס ברעכן" די בריטישע אימפּעריע איז זייער ציל.

דער אמתער מהות פון טעראָר וועט אונדז זיין פארשטענדלעך נאר דאַן, ווען מיר וועלן גוט האבן אין זכרון דעם פאַקט, אז דער יידישער טעראָר איז אנטשטאנען ניט אין „קאַמף קעגן דער בריטישער אימפּעריע" נאר אין קאַמף קעגן דעם אָרגאַניזירטן דעמאָקראַטישן ישוב און זיין הויפּט=שטיצע — די יידישע ארבעטערשאפט.

דער טעראָר איז געווענדעט מער כלפּי פּנים ווי כלפּי חוץ. די אויפרייס=באָמבן פון די יידישע טעראָר=באנדעס זיינען אויסן — פריער פאר אַלץ — אייפצוטרייסלען די ווענט פון דער ציוניסטישער וועלט=אָרגאַניזאציע און אונטערצוגראָבן די פונדאמענטן פון דער ציוניסטישער דעמאָקראטיע.

דער אלטער חשבון איז ניט פארגעסן געוואָרן — דער חשבון צו „ברעכן" די הסתדרות=העובדים און צי באהערשן דעם ישוב מיט די מיטלען פון שרעק און געוואַלט. די שנאה פון די דיסידענטן צו דעם יידישן ארבעטער און זיין שאפונגס=ווערק איז פיל שטארקער ווי די שנאה צום ענגלישן „אָקופּאַנט". פון דער ברוסט פון רעוויזיאָניזם האט ער די שנאה געזויגן. און אלס אזעלכער איז ער היינט די שטיצע, פארבאָרגענע האָפענונג פון דער רעאַקציע איז איר ישוב און איר העפטיקן קאַמף קעגן דעמאָקראַטיע און ארבעטער. די יידישע קאָלאָניסטן און פינאנס=לייט האבן קיינמאל ניט אויפגעגעבן זייער טרוים צו באהערשן דעם ישוב מיטן כוח פון זייערע קלאסן=פּריווילעגיעס; זיי קענען ניט משלים זיין מיט א דעמאָקראַטיש=אָרגאַניזירטן ישוב, און ווילן זיי בילדן א קליינעם מיעוט.

און דעריבער פּרוּוון זיי אַרונטערצורייסן און צו דיסקרעדיטירן כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ יעדע ציוניסטישע קערפּערשאַפט, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם דעמאָקראַטישן ווילן פון דעם גאַנצן ישוב, אָדער דורך די יידישע פאָלקס־מאַסן אין גלות. אין די דאָזיקע קרייזן האָט דער טעראָר אַן אומדירעקטע מאָראַלישע אונטערשטיצונג אין קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער אויטאָריטעט און נאַציאָנאַלער דיסציפּלין.

די בירגערלעכע רעאַקציע זעט אין די טעראָר־באַנדעס אירע „שטורם־טרופּן" אין קאַמף קעגן ציוניסטישער דעמאָקראַטיע, קעגן דער חלוצישער אַרבעטער־באַוועגונג, און בכלל קעגן דער פרייהייט און העגעמאָניע פון יידישן פאָלקס־מענטש אין ציוניזם און אין ישוב.

די יידישע מאַסן טאָרן ניט דערלאָזן, אַז ציוניזם זאָל אויסגעליפערט ווערן אין די הענט פון בריונים און אַז עס זאָל פאַרקריפּלט ווערן דער טיפער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער תוכן פון די יידישע גאולה־ווייען און באַגערן.

זיי מוזן פאַרשטיין, אַז די ליקווידאַציע פון טעראָר און רעוויזיאָניזם ליגט אין דער נשמה פון ציוניזם.

דער טעראָר מוז זיך באָדן אין בלוט, זאָל עס זיין דאָס בלוט פון אומשולדיקע יידישע מענטשן; ער מוז זיך באַנוצן מיט שאַנטאַזש און פּראָוואָקאַציע, זאָל עס זיין אַ פּראָוואָקאַציע וואָס באַדראָט דעם עצם־קיום פון יידישער זיכערקייט; ער מוז האָבן זיינע „העלדן", זאָל עס זיין אַזעלכע, וואָס ער אַליין שלעפּט צו דער תליה. און צום סוף: אַ טעראָר וואָס קען ניט באַהערשן דעם ישוב מיט אייגענע כּוחות, מוז פריער אָדער שפּעטער בעטן די הילף פון פרעמדע אויסערלעכע כּוחות.

אַ תהום ליגט צווישן טעראָר און צווישן דער ציוניסטישער ווידער־שטאַנדס־באַוועגונג, וועלכע ציט איר יניקה פון טיפע וואָרצלען פון יידישן אויפבוי און ווידערגעבורט און אָטעמט מיטן גייסט פון יידישער שאַפונגס־קראַפט.

פונקט, ווי די הגנה האָט אַמאָל באַגלייט און געשיצט די ערשטע טריט פון יידישן מענטש אין אַ פרעמדער פיינטלעכער סביבה און איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון די אייגזאַמע פּאָזיציעס פון חלוצישער עקשנות אין דאָרף און שטאָט, אַזוי באַגלייט זי אויך היינט דעם גאַנג פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין מדבר און צו די גרענעצן. באַשיצט דעם העראָאישן דערנער־וועג פון די יידישע העפּלה־שיפן, שטייט אין דער ערשטער פייער־ליניע אין קאַמף פאַר דער יידישער מדינה.

די ציוניסטישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג מוז זען פאַר זיך דעם גאַנצן יידישן פראָנט, אַלע זיינע אָפּשניטן און אַספּעקטן און אויף אים באַלאַנסירן און אינטעגרירן די פאַרשידענע כּוחות און אָנשטרענגונגען אין איין גרויסער, אינטעגראַלער גאַנצקייט. העפּלה און קאָלאָניזאַציע, הגנה און געראַנגל, אָרגאַניזאַציע און פּאָליטישע אויפקלערונג זיינען פאַרשידענע אַנטפּלעקונגען פון איין און דער זעלבער אָנשטרענגונג, וועלכע פאָדערט, אַז

זיי זאלן געמאכט ווערן איינצייטיק, מיט דער זעלבער שפּאַנונג און אין קעגנזייטיקער ווירקונג און קאָאָרדינאַציע. און דערפאר טאָר זיך ניט דער ציוניסטישער געראנגל קאנצענטרירן אויף איין איינציקן אָפּשניט פון דעם אלגעמיין-ציוניסטישן פראנט, וואס הייסט מיליטערישע קראפט, און איגנאָרירן אלע אנדערע לעבנס-וויכטיקע און אנטשיידנדע סעקטאָרן.

דער ציוניסטישער געראנגל איז נאר דאַן צוועקמעסיק, אויב ער באדינט די פּאָליטיש-ציוניסטישע צילן, און ברענגט זיינע מיטלען און מעטאָדן אין איינקלאנג מיט די באדערפענישן און געבאָטן פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין יעדער געגעבענער תקופה.

אלס אזעלכע איז די ציוניסטישע ווידערשטאנדס-באוועגונג די באוועגונג פון פאלק. זי מוז ארומנעמען די ברייטסטע שיכטן און מאביליזירן אלע זיינע קאַמפס-פּאָטענצן און רעזערוון. זי קען זיך ניט איזאָלירן און שפּאַנען ווייט פאראויס פאר דער מאַסע. זי שטייט בראש פון דעם קעמפנדיקן ישוב, און איינצייטיק בתוך פון אים. דאס איז דער כוח פון יידישער הגנה און דער מהות פון איר ציוניסטישן-געראנגל.

11. דאָס פּראָבלעם פון אַדורכהאַלטן

די בּרענענדיקע פראַגע, וועלכע שטייט פאַרן יידישן לאַגער, היינט מער ווי אַמאָל, איז די פראַגע פון אַדורכהאַלטן. די פראַגע איז: צי וועט דער יידישער לאַגער האָבן גענוג צייט, בכדי צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד, אַלס אַ געשלאָסענע יידישע געמיינשאַפט!

דער טרויעריקער אמת איז, אַז דער יידישער לאַגער אין דייטשלאַנד הויבט זיך אָן צו פאַנאַנדערפאַלן, און גוססן אַלס ציוניסטישער לאַגער פון ברענענדיקן אומרו און בונטאַרישן פראַטעסט.

דאָס איז ניט מער דער לאַגער, וועלכן די יידישע בריגאַדע האָט באַגעגנט אויף איר וועג קיין איטאַליע, אין פרילינג פון באַפרייאונג.

דער יידישער לאַגער איז ניט מער אַן אָפּגעשלאָסענע מחנה, באַשיצט קעגן מעכטיקע השפּעות פון דרויסן. אָפּן און איינזאַם שטייט ער אין אַ פיינטלעכן ים פון פרעמדע שטעט און דערפער און בייזע ווינטן פון דרויסן רייסן זיך אַריין אין זיינע געסלעך און באַראַקן. יידן פאַרלאָזן דעם לאַגער און גייען מיטן שטראָם פון עמיגראַציע אין נייע גלות-לענדער אָדער דרינגען אַריין אין די שפּאַרונקעס פון דער דייטשערווירטשאַפט. גרויסע טיילן פון יידישע פליטים לעבן היינט מחוץ דעם יידישן לאַגער אין שטעט און געמיינדעס.

עס האַלט אין וואַקסן אַ יידישער לומפּן-פּראָלעטאַריאַט אין עקאָנאָמישן און גייסטיקן זין פון וואָרט, וואָס דינט שוין היינט אַלס ציל-בּרעט פאַר די פאַרסמטע זיילן פון אַנטיסעמיטיזם.

אַלץ בולטער ווערט די יידישע אַנאָמאַליע אויפן פאָן פון דער אַרומיקער סביבה. אַלץ דרייסטער און חוצפהדיקער טייטלען די פינגער אויף פליטים, אַלס די, וואָס העמען און שטערן דער אַלגעמיינער רעקאָנסטרוקציע פון דער דייטשער עקאָנאָמיק.

דער יידישער לאַגער ליגט אין שאָטן פון אַ ניט-אויסגעלאָשענעם וווּלקאַן, וואָס רויכט היינט, בכדי מאָרגן צו שפּייען מיט פייער און שוועבל. די גסיסה פון יידישן לאַגער הייסט צעשפּרייטונג און צעשפּרייטונג באַדייט — גלות.

מיר זיינען ניט בכוח איינגאַנצן מבטל צו מאַכן דעם גזר דין פון דער געשיכטע און אויפצוהאַלטן אויף לאַנגע יאָרן די גאַנצקייט און אינערלעכע

געשלאָסנקייט פון א וואַנדער=לאַגער, וועלכער איז געצוווּנגען געוואָרן זיך אָפּצושטעלן און דערמיט פאַראורטיילט געוואָרן אויף סטאַגנאַציע.

מיר מוזן היינט טיף אין באַוווּסטזיין טראָגן דעם טראַגישן ווידערשפּרוך, וואָס לאַסטעט אויף דעם לעבן פון דעם יידישן לאַגער: דעם ווידערשפּרוך צווישן די גרויסע אביעקטיווע ווערטן אלס פּראָדוקט פון יידישער קאַטאַסטראָפע און צווישן די ווינציקע סוביעקטיווע כוחות, וואָס זאָלן זיי טראָגן און פאַרווירקלעכן. און אויב אין דער ערשטער תקופה פון באַפרייאונג האָבן מיר געזען בלויז די גרויסע אָביעקטיווע ווערטן און געבליבן אין זייער אויסערלעכער סטיכיע פון אויסלייזן און באַוועגן געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, מוזן מיר היינט — אין דער תקופה פון סטאַגנאַציע — גוט אין אַכט נעמען די ווינציקע סוביעקטיווע כוחות און מעגלעכקייטן, זיי פלעגן און אנטוויקלען, פון זיי בויען דעם שוץ=וואַל קעגן דער שטייגנדיקער כוואַליע פון צעשטערונג און פונאַנדערפאַל.

ווייל אויב מיר קענען ניט אָפּהאַלטן אינגאַנצן דעם פּראָצעס פון אויפלייזונג, קענען מיר דאָך טאָרמאָזירן זיינע איינצעלנע עטאַפּן, ביז דער וועג וועט פריי ווערן פאַר דעם גרויסן, אַלגעמיינעם עקזאָדוס.

צו דעם צוועק דאַרפן מיר גוט בודק זיין די כלים פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און דעם לעבנס=שטייגער פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו.

מיר דאַרפן באַקעמפן די אויפלייזונג=גורמים, דאָרט ווו זיי ליגן אַמייסטן זייערע נעסטן: אין די איינפאַכסטע און קלענסטע קעמערלעך פון אונדזער טאָג=טעגלעכן לעבן. און דאָ, רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט די **זעלבסט=פאַרוואַלטונג פון יידישן לאַגער אין דייטשלאַנד**. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט שטייט דאָ פאַר אַ שווערן עקזאַמען: זי דאַרף באַווייזן, אַז זי קען באמת אָנפירן אַליין מיט אירע ענינים.

די זעלבסט=פאַרוואַלטונג פון יידישן לאַגער איז אַן איינגאַרטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער גלות=אויטאָנאָמיע. זי לעבט אין אַ סתירה צווישן דער נויטווענדיקייט איינצואָרדענען דאָס לעבן אויף אַן אָרט, און צווישן דעם געבאָט צו האַלטן די מחנה גרייט און געשפּאַנט צום וועג. זי מוז שאַפן דעם געהעריקן באַלאַנס און אָפּהיטן די נויטיקע פּראָפּאָרץ צווישן דעם היינט און דעם מאָרגן פון דעם יידישן לאַגער. אָן דעם, איז זי פאַראורטיילט צו ווערן אַ שטערונג אין דעם רעפּאַטריאַציע=פּראָצעס פון דער שארית הפליטה. די אָרגאַנען פון דער יידישער זעלבסט=פאַרוואַלטונג אין לאַגער און די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס שטייען הינטער זיי, וועלן זייער אויפגאַבע דערפילן נאָר דאַן, ווען זייער זאָרג פאַר די טאָג=טעגלעכע נויטן און באַדערפעניש פון דער שארית הפליטה, וועט זיין אַ דירעקטע פונקציע פון אונדזערע ציוניסטישע אויפגאַבן

די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון יידישן לאַגער לעבט אַדורך אַ טיפן דערשיטערנדיקן קריזיס. שוין דאָס אַליין, וואָס זי האָט זיך אורשפּרינגלעך

אויסגעפורעמט אין די געטאָס און „קאצעטן און דאן באהערשט געוואָרן דורך דעם גייסט פון ווייטע און בהלהדיקע וואנדער-וועגן, פארשאפט איר אן אייגנארטיקן כאראקטער און בילדעט אויך דעם מקור פון איר שוואַבקייט. אירע בעסטע סובסטאַנצן ווערן אויפגעפרעסן דורך דעם וואָרים פון קצבה, אויפגעצוווּנגענער בטלנות, מאנגל פון פראָדוקטיווער ארבעט.

ס'זיינען דערשיטערט געוואָרן אויף אן אלארמירנדיקן אופן די עצם-יסודות פון מאָראַלישער זויבערקייט און סאציאַלער גלייכהייט אין דעם לאגער-לעבן און מיט זיי פאלט די ציוניסטישע שפּאַנונג און די פארבונדענע מיט איר גרייטקייט צו העפּלה.

ניט דער לעבנס-סטיל און ניט די טעגלעכע פאראינטערעסירונגען פון גרויסע טיילן פון אונדזער ציוניסטישן אַקטיוו, זיינען אים מכשיר פאר דער ראָל פון א ציוניסטישן מאָטאָר-טרייב, און ניט צופעליק זיינען מיר יוצא מיט פראַזן, דאָרט ווו עס נויטיקן זיך מעשים.

מיט א באזונדערער קראפט האבן צוריק אויפגעלעבט די אמאליקע טיפּן פון יידישן שטעטל, וואס האבן געשיינט צו לעבן פון לאנג איינציק און אויסשליסלעך אויף די בלעטער פון יידישער ליטעראטור: דער קהל-תקיף און דער שתדלן. זייער געזעלשאפטלעכע אפּגעשטאנענקייט און גייס-טיקע עם-הארצות זיינען ניט קלענער און ווייניקער געפערלעך פאר דעם לאגער דורך דעם, וואס זיי וועגעטירן ניט זעלטן אין שאטן פון פארטייען. אין אזא מצב איז דער ציוניסטישער געבאט פון דער שעה א טיפע און גרונטזעצלעכע רעפארם פון אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן און פריער פאר אלץ: דער איבערבוי פון דעם גאנצן זעלבסט-פארוואלטונגס-סיסטעם. וויל אין אים שפּיגלט זיך אפּ דאס טעגלעכע לעבן פון לאגער, דורך אים דארפן באפרידיקט ווערן אלע זיינע נויטן און באדערפנישן, ארום אים איז קאנצענטרירט דאס ביסל אקטיווע כוחות, וועלכע מיר פארמאגן.

אין דער ערשטער ריי דארף פארזיכערט און רעספּעקטירט ווערן אן אלגעמיינע און גערעכטע באטרויאונג פאר אלע יידן, מיט א באזונדערער באריקזיכטיקונג פון די סאציאַל-שוואכע עלעמענטן.

די אויפגעשוואָלענע אפּאראטן דארפן רעדוצירט ווערן, די איבריקע אינסטאנצן — ליקווידירט ווערן.

א סך מער ראדיקאלע מיטלען זיינען נויטיק, אויב עס זאלן באמת ארויסגעריסן ווערן מיטן שורש די ווילדע געוויקסן פון מיט-ברויכן און קאָרופּציע פון אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן. די דאזיקע רע-פארמען צוזאמען מיט א סך אנדערע דרינגענדע ארוים ווייט איבער די גרע-נעצן פון דעם קאמונאלן לעבן גופא: זיי האבן א שייכות צו די סאמע בלוטיקסטע אינטערעסן פון ציוניזם. וויל אויב אין נאמען פון ציוניזם און מיט זיינע לאזונגען אויף די ליפּן זאלן באגאנגען ווערן עולות און מיט-אטן, דאן גראבן מיר אונטער מיט אונדזערע אייגענע הענט דעם באָדן אויף וועלכן מיר שטייען און עפענען דעם וועג פאר הפקרות און רעאקציע.

די ארגאנען פון דער לאגער=זעלבסט=פארוואלטונג געפינען זיך אין ציוניסטישע הענט, וועלכע פארטיילן די מיטלען פון דער יידישער גלות=עקזיסטענץ אין דייטשלאנד. דער אופן, אין וועלכן זיי טוען דאס, באשטימט א סך מער איבער דער אינערלעכער באציאונג פון דער שארית=הפליטה צום ציוניזם, ווי די גאנצע ציוניסטישע פרעסע מיט אלע ציוניסטישע פראפאגאנדע = כלים צוזאמען.

ווייניקער פארבן און קאלירן אויף דעם פאסאד פון אונדזער שוואכן געזעלשאפטלעכן בנין, און מער סאלידקייט אין די יסודות, מער ארדנונג אין די קלענסטע און איינפאכסטע קעמערלעך!

ווייניקער רייסעניש איבער די „מאכט=פאזיציעס" צווישן די חורבות פון יידישן לעבן, און מער אלגעמיינע אנשטרענגונג פאר דער הצלה פון צווישן די חורבות!

קעמפענדיק פאר דער גאנצקייט און געשלאסנקייט פון דעם יידישן לאגער, דארפן מיר טאן אלץ, בכדי צו פארשאפן א ר ב ע ט פאר וואס גרעסערע צאלן פון דער לאגער = באפעלקערונג. דאס איז פון אן אומגעהויערער באדייטונג סיי פאר דער מאראל פון דער שארית=הפליטה, סיי פאר איר הכשרה צו דעם לעבן אין ארץ=ישראל.

פרייוויליקע ארבעט, געטאן אין זויבערע, מענטשלעכע באדינגונגען און פארשאפנדיק א מאטעריעלע און גייסטיקע באפרידיקונג דעם ארבעטער, איז דאס בעסטע מיטל אויף צו היילן זיין נשמה פון די זכרונות פון מערדערלעכער צוואנגס = ארבעט אין דעם ניט וויטן עבר. נאך ווייט האבן מיר ניט אויסגענוצט די אלע מיטלען און מעגלעכקייטן פון פארשאפן ארבעט פאר דעם יידישן לאגער אין דייטשלאנד.

אן אידעאלער צושטאנד אויף דעם געביט וואלט געווען, ווען די שארית=הפליטה זאל באקומען גענוג רוישטאפן פון אמעריקע, כדי צו באארבעטן זיי אין פארטיקע פראדוקטן און דאן פארקויפן דעם ישוב אין ארץ=ישראל, ווו די אנגעזאמלטע און פארזיכערטע סכומים וואלטן געווארט אויף די צוקונפטיקע עולים. די שוועריקייטן אבער פאר יעטוועדן פלאן זיינען אין די פאראנענע באדינגונגען אומגעהויער גרויסע: רוישטאפן, מאשינען, ארבעטס=לוין, עקספארט א. א. וו.

און ווי וויכטיק עס זאל ניט זיין די פראגע פון ארבעט פאר די יידישע פליטים, איז דאך באדעכטיקט דער שטאנדפונקט, לויט וועלכן יידן דארפן ניט ארבעטן אין דער דייטשער ווירטשאפט. דער מאמענטאנער נוץ דערפון וואלט זיך זיכער ארויסגעוויזן א סך קלענער, ווי דער מאראלישער שאדן און די ממשותדיקע סכנה פון רייבונגען און קאנפליקטן, וועלכע זיינען מיט דעם פארבונדן.

און וואס נוגע אונדזערע אייגענע אנשטרענגונגען, דארפן מיר אויפהערן מיט גרויסע פלענער און זוכן אויסנוצן רעאלע מעגלעכקייטן, ווי קליין און אומבאדייטנד זיי זאלן ניט שיינען צו זיין. פיל שאדן און איבעריקע

אילוזיעס זיינען פאראורזאכט געווארן דורך דעם ניט=געהעריקן צוגאנג צו דעם פראבלעם פון ארבעט.

א ר ב ע ט איז א וויכטיקער און פאזיטיווער גורם סיי פון אינערן=דערציערישן, סיי פון אויסן=פאליטישן געזיכטספונקט. ליידער, וועט קצבה=פארבלייבן, אזוי לאנג, ווי דער יידישער לאגער וועט עקזיסטירן אין דייטשלאנד. ניט דורך קאנטינעס און קופאנען וועט זי ליקווידירט ווערן.

יידן זיינען דא ניט אימשטאנד צו שאפן קיין שום זעלבסטשטענדיקע ווירטשאפט און ניט אפילו איר בלויזן שאטן. ניט אונדזערע געלט=מיטלען און ניט די פאליטישע באדינגונגען ארום אונדז וועלן עס דערלויבן. זאלן געמאכט ווערן די גרעסטע אנשטרענגונגען פאר דער שאפונג פון וואס מער מעגלעכקייטן פון פראדוקטיווער ארבעט אין די לאגערן און זאל פארשטארקט ווערן די מיטארבעט פון די יידישע הילפס=ארגאניזאציעס אין אויסלאנד. מיר דארפן אויך ניט פארגעסן אונדזערע גערעכטע פאדערונגען לגבי דער מיליטערישער אקופאציע=מאכט און די דייטשע מאכט=ארגאנען בנוגע דער רעהאביליטאציע. אט די אלע מעגלעכקייטן האבן א דאפלטע באדייטונג: זיי דינען אלס איבערברוק אין דער באציאונג צו ארבעט און אלס הכשרה פאר אונדזער נייעם לעבן אין ארץ=ישראל.

ס'וועט אבער זיין קורצזיכטיק און שעדלעך צו באטראכטן די „פראדוקטיוויזאציע" אלס שויץ=וואל קעגן די כוואליעס פון צעברעקלונג פון יידישן לאגער. קיין שום ערזאצן אדער פאליאטיוון זיינען ניט אימשטאנד צו פארהיטן דעם פיינלעכן פראצעס פון אויפלייזונג.

נאר די העכסטע מאביליזאציע פון ציוניסטישע כוחות, דער דירעקטער מאסן=דרוק קעגן אלע שטערונגען און מכשולים, ציוניסטישער אומרו און ציוניסטישע שפאנונג — מיט זיי שטייט און פאלט דער יידישער לאגער אין דייטשלאנד.

12. שוועל פון דער יידישער מדינה

מיטן באשלוס פון דער „אונא״-פארזאמלונג, דעם 29-טן נאוועמבער 1947, וועגן אויפשטעלן די יידישע מדינה אין ארץ-ישראל איז געפאלן די טעריטאריאלע אנטשיידונג און עס האט זיך אנגעהויבן א נײַ קאפיטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאלק.

דער „אונא״-באשלוס באדייט א טיפן איבערברוך ניט בלויז אין דער פסיכיק פון גוים, נאר אויך אין דער פסיכיק פון יידן. די וועלט האט זיך געוווינט צו זען במשך פון דורות אין דעם יידן דעם אייביקן וואנדערער און געשפענסט-שאטן. ווי פינסקער האט עס באצייכנט אין זײַן בוך „אויטאעמאנסיפאציע״.

אין די לעצטע יארן פון חורבן און מלחמה האט די וועלט געזען די יידישע אנמאכט. אויך נאך דעם באשלוס האט זי נאך אלץ ניט משלים געווען, אז יידן זיינען א פאלק און דארפן האבן א מדינה פונקט ווי אנדערע פעלקער. ס׳איז אבער נאך אלעמען געקומען דער איבערברוך. און אין אים ליגט טאקע דער גרויסער באדייט פון דעם היסטארישן „אונא״-באשלוס.

יידישע פרייד! ווי לאנג איז שוין פרייד ניט געווען אין דער יידישער גאס! אין די יארן פון פיין און יסורים,ביים ראנד פון אפגרונט און אין שאטן פון טויט, האט זיך דאס יידישע הארץ איינגעקארטשעט ווי אין קלעם און געבלוטיקט פון שטומען, ניט אויסגעשריענעם ווייי. און אויב פריער, אין דער גלות-געשיכטע איז יידישע פרייד געווען פארבונדן מיטן עבר, מיט ימים טובים, איז זי היינט צום ערשטן מאל פארבונדן מיט דער צוקונפט פון יידישן פאלק.

מיר טארן אבער ניט מיד ווערן פון איבערחזרן און באטאנען, אז ניט די פאראייניקטע אומות האבן אונדז „געגעבן״ די מדינה. אירע יסודות האבן עקזיסטירט, נאך איידער דער באשלוס איז געפאלן. זי וואלט ניט אין לייק-סאקסעס איז די יידישע מדינה רייף געווארן, נאר אין שווייס פון חלוצישן אויפבוי אין ארץ-ישראל. די יידישע ארבעטערשאפט האט זי אויסגעטראגן און וועט אויך די ערשטע דארפן וויטיקן אירע חבלי-לידה.

דער „אונא״-באשלוס איז געווען מעגלעך נאר א דאנק די אנשטרענגונגען פון דריי חלוצישע דורות און א דאנק דעם אומערמידלעכן אויפבוי-פראצעס ביי אלע באדינגונגען.

אבער דעם אוממיטלבארן שטויס צו דער היסטארישער אנטשיידונג האבן געגעבן דריי פאלגנדע פאקטארן:

א) דער ווידערשטאנד פון ישוב,

ב) די העפלה פון דער שארית הפליטה,

ג) דער רעאלער פאליטישער פראגראם פון דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל (מפא"י).

דער ווידערשטאנד פון א"י־דיקן ישוב, פארקערפערט אין אויפבוי־ווערק פון דער יידישער ארבעטערשאפט און אין געראנגל פון דער יידישער הגנה, האט באדייט קאמף פאר עליה, התישבות און יידישן וואפן. אין די לעצטע יארן האט דער קאמף ארומגענומען אויך די מאניפעסטאציע פון יידישן כוח און פון יידישער אנטשלאסנקייט נים משלים צו זיין מיט דעם פרעמדן „ווייס־בוך"־רעזשים פון אונטערדריקונג און ליקווידאציע.

נעגאטיוו האט דער דאזיקער ווידערשטאנד געזאגט: ניט אוואנטוריזם און ניט קאפיטולאציע!

פאר דער שארית הפליטה איז דאס פייער פון געראנגל אין א"י געווען א ליכט־שטראל פון מוט און האפנונג, וואס האט באלויכטן די פינסטערע נאכט פון חורבן גלות און באגלייט די הגנה־שיפן פון עקזאדוס צו די ברעגעס פון לאנד. די העפלה פון דער שארית הפליטה איז, אן ספק, געווען איינער פון די אנטשיידנדע גורמים, וועלכע האבן באאיינפלוסט דעם „אונא"־באשלוס. זי האט אנטפלעקט די אמתע און טיפע מקורות פון דעם אומצערייסבארן בונד מיט ארץ־ישראל; זי האט צונישט געמאכט די טייוולאנישע פלענער צו פארשפארן די יידן אין איראפע אויך אויף ווייטער. די צוויי און א האלב יאר פון יידישן לאגער זיינען ניט געגאנגען לאיבוד: דאס זיינען געווען יארן פון פרווו און אויסדויער אין די נאציאנאלע שוץ־גראבנס — די לעצטע אין חרובן גלות. דער יידישער לאגער האט ניט געלאזט רוען; געווען די מאראלישע בייטש, וואס שמייסט און וועקט דאס אפגעטעמפטע וועלט־געוויסן; און געווארן דאס וואגיקע געוויכט, וואס האט איבערוויגן אויף דער וואג־שאל פון אנטשיידונג.

און אויך היינט — ווי טרויעריק עס זאל ניט קלינגען — איז די שארית הפליטה אליין דער עיקר־רעזערוו פאר דער יידישער מדינה.

דער פאליטישער וועג פון מפא"י האט זיך באשטעטיקט אין שיין פון דערווירקלעכקייט. ניטא קיין אנדערער אלטערנאטיוו צו דעם ענגלישן מאנדאט, ווי די יידישע מדינה. אלע אנדערע אלטערנאטיוון האבן זיך ארויסגעוויזן טעארעטיש, ניט־רעאליזירבאר אדער ניט־אננעמבאר פון יידישן שטאנדפונקט.

שוין אין יאר 1937 האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער ענגלישער מאנדאט איבער ארץ־ישראל איז ניט רעאליזירבאר. שוין צוליב דעם אליין, וואס ענגלאנד וויל ניט אדער קאן ניט דעם מאנדאט פארווירקלעכן. נאך דער מלחמה און חורבן פון יידישן לעבן אין איראפע איז קלאר געווארן

פאר אלעמען, אז מיר טארן ניט ווארטן און אז דאס יידישע פאלק נויטיקט זיך אין א באלדיקע און אנטגילטיקע גאולה.

דער געדאנק פון א יידישער מדינה איז קיינמאל ניט געווען פרעמד אונדזער באוועגונג, ניט אין איר דעפינירונג און אוודאי ניט אין איר תוכן. אונדזער פארטיי האט פארשטאנען צו ציען די גאטירלעכע מסקנות פון איר חלוצישן ווערק אין ארץ־ישראל און ווערן דער פיאנער פון פאליטישן געראנגל פאר א יידישער מדינה, פונקט אזוי, ווי זי איז געווען דער חלוץ פון קאנסטרוקטיוון אויפבוי. די קעגנערשאפט פון געוויסע חלוצישע אר־בעטער־פארטייען צום געדאנק פון א יידישער מדינה איז א טרויעריקע פעלשונג פון דער שליחות פון יידישן ארבעטער ־ קלאס, וועלכער האט אויסגעטראגן די יידישע מדינה אין ליידן און יסורים און געגאסן אירע פונדאמענטן מיט שוויים פון יידישער פראצע און מיט בלוט פון יידי־שער הגנה. ווען ניט די פאליטישע ליניע פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל, וואלט אויסגעקומען, אז דער איינציקער טרעגער פון דעם שטאטלעכן געדאנק איז — דער בירגערלעכער לאגער. קאן דען געמאלט זיין א מער פאראדאקסאלער און מסוכנדיקער מצב אין ציוניזם?

אזוי לאנג, ווי עס איז אונדז געגעבן געווארן די מעגלעכקייט צו בויען און צו זאמלען כוחות אין ארץ־ישראל, האבן מיר ניט ארויסגע־שטעלט דעם פאסטולאט פון א יידישער מדינה, אלס א ק ט ו ע ל ע, פא־ליטישע פאדערונג פון דער ציוניסטישער באוועגונג. מיר האבן געלערנט פון דער באלפור דעקלאראציע און געוווסט, אז דער אמתער ווערט פון פרעמדע הבטחות איז אפהענגיק ראשית כל פון אונדז אליין.. מיר האבן ניט געגלויבט, אז מיר וועלן באקומען די מדינה מיטן כוח פון א דעקלאראציע. די יידישע ארבעטער־באוועגונג האט זיך קאנצענטרירט דעריבער ארום חלוצישע טאטן; זי האט זיך געשטעלט מיטן פנים צום יידישן פאלק, צו דער יידישער יוגנט. זי האט אויך ניט געוואלט מסכן זיין דעם יש דורך דעקלאראציעס. בשעת זי האט אים געקענט שטארקן און גרעסער מאכן דורך מעשים. אונדזער באוועגונג איז אבער די גאנצע צייט געווען די געטרייע און וואכזאמע טרעגערין פון דעם פאליטיש־ציוניסטישן געדאנק. אונדזער וכּיח מיטן רעוויזיאניזם איז געווען צוו. אנד. ניט וועגן דער עצם־נויטווענדיקייט פון א יידישער מדינה, נאר איבער די וועגן, וואס פירן צו איר פארווירקלעכונג.

פאר אונדז איז די יידישע מדינה ק י י נ מ א ל ניט געווען קיין „ענד־ציל" נאר א מיטל צו דער פארווירקלעכונג פון ציוניזם. פאר אונדז איז דאס „ענד־ציל" פון ציוניזם געווען און פארבליבן: דאס יידישע פאלק אין ארץ־ישראל, אלס פרייע, שאפנדע און זעלבסטשטענדיקע געזעלשאפט. דער רעזשים פון „ווייס־בוך" האט פארמאכט די טויערן פון א"י פאר יידישער עליה און צוגערויבט איבער 90 פראצענט פון לאנד פון דער יידישער קאלאניזאציע. פאר דער ציוניסטישער באוועגונג איז געשטאנען די פראגע, צי קאן זי ווייטער פארזעצן איר אויפבוי־ווערק מיט די ביז־

איצטיקע מיטלען. דער קאמף קעגן „ווייס=בוך” האט פארלאנגט א קלארע
תשובה אויף דער פראגע, וואָס זאל קומען אויפן ארט פון ענגלישן מאנ=
דאט, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזן אלס ניט דורכפירבאַר. דער אויס=
ברוך [illegible]ן מלחמה, די איבער[illegible] [illegible]ג פון א[illegible]ע נאציאָנאַלע פראגמן, די פאָ=
דערונגען און אַספּיראַציע[illegible] פון אלע קעמפ[illegible]יקע פעלקער — דאָס אלץ
האט [illegible] שארפער און דר[illegible] [illegible]עשטעלט די פראגע פון דעם
צוקונפטיקן, פּאָליטישן רעזשים פון ארץ=ישראל. די ציוניסטישע באווע=
גונג האט געמוזט געבן דעם ענטפער; ער איז געקומען פון אונדזער באַ=
וועגונג. דעצעמבער 1940, אויף א כינוס פון וועלט=פארבאנד „פועלי=
ציון (צ.ס.)—התאחדות” האט בערל קאצענעלסאן באגרינדעט די אקטו=
עלע פאדערונג פון א יידישער מדינה. אין א גורלפולער שעה פאר ארץ=
ישראל און פארן יידישן פאלק האט די פארטיי געזאגט דאס נויטיקע
וואָרט, וועלכעס איז שפעטער געוואָרן דאס אפיציעלע פראָגראַם פון דער
ציוניסטישער וועלט=אָרגאַניזאציע („ירושלים — בילטמאר=פראָגראַם”).
וואָס האבן פארגעשלאגן אנדערע? — די פארזעצונג פון מאנדאַט,
אינטערנאציאָנאַלע אויפזיכט, בי=נאציאָנאַלע מדינה. זיי האבן געטענהט,
אז אין אונדזער אינטערעס ליגט די פארשיבונג פון דער „אנטגילטיקער
פּאָליטישער קריסטאליזירונג” אין לאנד און אז „בילטמאר” מוז פירן צו
חלוקה. ניט דאָ איז דער פלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף די פסיכאָלאָגישע
שרשים פון דער בי=נאציאָנאַלער קאָנצעפּציע. ס׳וואָלט געווען ניט שווער
צו באווייזן, אז זיי שטעקן דאס רוב אין אונדזער גלות=ווירקלעכקייט און
גלות=מענטאליטעט. פאר אונדז גענוגט דער פ א ל י ט י ש ע ר תוכן פון
דער בי=נאַציאָנאַלער אויפפאסונג, וועלכער הייסט פ א ר י ט ע ט און
פארוואנדלט די גאנצע קאָנצעפּציע פון א בי=נאציאָנאַלער מדינה אין
א ריין=טעארעטישע. שוין ניט רײדנדיק וועגן דעם, אז אמתע פאליטישע
גלייכהייט צווישן פעלקער קאן עקזיסטירן נאר דארט, וו ב יי ־ ע
ז י צ ן א ו י ף א ן א ר ט און האבן אן ענלעכע סאציאלע און
עקאנאמישע סטרוקטור. מוז אזא פאריטעט=פרינציפּ אין נוסח פון „השו=
מר = הצעיר” פאראליזירן די טעטיקייט פון יעדע מדינה און עפּענען
דעם וועג פאר דער אינטערווענץ פון א דריטן צד אלס בורר און אנטשיי=
דונקס = פאקטאר. אזא פאריטעט = מדינה, ווי יע־עם פאלק האט וועטא=
רעכט, עקזיסטירט ניט אין קיין שום לאנד אין דער וועלט. אויך די
אראבער האבן נאך דערוויל ניט געגעבן זייער הסכמה צו א בי=נאציא=
נאלער מדינה. און וואס ס׳איז נוגע דער סכנה פון חליקה, טא איז זי
פאראן אין דער בי=נאציאנאלער קאנצעפּציע, פּונקט, ווי זי איז פאראן
אין אלע אנדערע פאליטישע קאנצעפּציעס, וועלכע זיינען נוגע דער לײ=
זונג פון דעם ארץ=ישראל=פראבלעם.
אויך די לאזונג פון אן „אינטערנאציאנאלער אויפזיכט” אין ארץ=
ישראל אלס איבערגאנגס = רעזשים, ביז ס׳וועלן רייף ווערן די באדינגונ=
גען פאר יידישער זעלבסשטענדיקייט, האט זיך ארויסגעוויזן אלס ניט רע=

אלע, און פון יידישן שטאנדפונקט אלס ניט אנעמבארע. איר פירוש איז געווען אן אינטערנאציאנאלער מאנדאט פון מערערע גרויסמאכטן, אויפן ארט פון דעם ענגלישן מאנדאט, מיט אלע סכנות פון אן אינטערנאציאנאלן כוחות-שפיל, אין סאמע הארץ פון ארץ-ישראל (ווארשיינלעך לויט דעם מוסטער פון דער קאנטראל-קאמיסיע אין בערלין).

אין דער יידישער ארבעטער-באוועגונג איז במשך פון לאנגע יארן אנגעגאנגען א טראגישער ויכוח וועגן די א. ג. אריענטאציעס. די חברים פון „השומר הצעיר", און שפעטער פון דער „תנועה לאחדות העבודה" האבן ניט געשפארט קיין מי, בכדי צו באווייזן, אז זיי זיינען די איינציקע, וועלכע זיינען בארופן אריבערצווארפן די בריק צווישן אונדז און די „כוחות פון מארגן". זיי האבן געטענהעט, אז די „רעפארמיסטישע" מפא"י שטויסט אפ מיט איר מדינה-קאנצעפציע די פראגרעסיווע כוחות אין דער וועלט און ליפערט אויס דעם ציוניזם אין די ארעמס פון אנגלא-סאקסישן אימפעריאליזם... גאנצע טעארעטישע קאנצעפציעס זיינען אויפגעשטעלט געווארן אויף די דאזיקע יסודות. איז געקומען די ווירקלעכקייט און האט זיי פאנאנדערגעווארפן ווי קארטן-שטיבלעך. די פאליטישע אויפגאבע פון דער ציוניסטישער וועלט-ארגאניזאציע האט זוכה געווען ניט בלויז אין וואשינגטאן נאר אויך אין מאסקווע. ס'איז געשען ממש א נס: די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און ראטנפארבאנד זיינען געקומען צו א פאראייגבארונג אין דער ארץ-ישראל-פראגע. און בעת אין אונדזער פאליטיש וועלטל האבן נאך געקלונגען די קאמפס-לאזונגען קעגן א יידישער מדינה, אין נאמען פון „אריענטאציע אויף די כוחות פון מארגן" — האבן די זעלבע פראגרעסיווע כוחות געשטעלט זיך אויפן באדן פון דער יידישער ווירקלעכקייט און געצויגן די איינציק-נאטירלעכע מסקנות סיי פון דער יידישער נויט אין גלות, סיי פון דעם יידישן אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל. געווים האבן א ריי באשטימטע פאקטארן דעצידירט איבער דער שטעלונג פון ראטן-פארבאנד אין דער ארץ-ישראל-פראגע; אידעאלאגישע לאיאליטעט-דעקלאראציעס האבן דא ניט געשפילט קיין שום ראל. עס איז נאר צו באדויערן — פון ציוניסטיש-דערציערישן שטאנדפונקט — וואס די רעהאביליטאציע פון דעם באגריף: „יידישע מדינה" אין באשטימטע קרייזן האט באדארפט ערשט קומען פון דרויסן.

די ליניע פון מפא"י האט זיך אדורכגעזעצט א דאנק פאלגנדיקע אמתן:

1) דער הויפט-מקור פון אונדזער כוח ליגט אין אונדז אליין (און ניט אין לאנדאן, וואשינגטאן אדער מאסקווע);

2) דאס דערהויבן די פאן פון א יידישער מדינה איז געווארן א דרינגענדע נויטווענדיקייט, נאך דעם, ווי דער שאטן פון „ווייס-בוך" האט אונדז פארשטעלט דעם וועג צו עליה און קאלאניזאציע;

3) דער הסכם צווישן יידן און אראבער קאן דערגרייכט ווערן נאר דאן, ווען ביידע וועלן פארהאנדלען ווי גלייכע און זעלבסשטענדיקע פעלקער, וואס האבן באפרידיקט זייערע נאציאנאלע אספיראציעס און באפרייט זיך פון דער מורא באהערשט צו ווערן דורך א צווייטן צד.

דער וכוח וועגן „אריענטאציעס" איז א קינסטלעכער און ברענגט שאדן די אינטערעסן פון ציוניזם און ארץ-ישראל. די אויפריכטונג און אנטוויקלונג פון דער יידישער מדינה איז אפהענגיק אין א גרויסער מאס פון אינטערנאציאנאלן שלום און צוזאמענארבעט פון אלע פעלקער און בפרט פון די גרויסמאכטן אין די ראמען פון „אונא". ס'איז דעריבער מער ווי א פאליטישער אומזין דער פרווו אריינצופרעסן די ציוניסטישע באוועגונג און מיט איר די יידישע מדינה אין איינעם פון די וועלט-בלאקן, שאפנדיק דעם איינדרוק כלפי-חוץ, אז מיר האבן פארגומען פאזיציעס אין דעם אדער יענעם לאגער. די יידישע מדינה מוז זיך איבערלאזן פרייע הענט צו האנדלען און צו אורטיילן די וועלט-געשעענישן לויט אירע אייגענע אינטערעסן, זוכענדיק שטיצע און סימפאטיע אומעטום, וווּ זי קאן עס געפינען.

ס'איז ניט צו פארלייקענען, אז **די חלוקה איז א שמערצלעכער שניט אין גוף פון אונדזער לאנד.**

האט געקענט זיין אנדערש?

אין דעם וועט-געיעג צווישן חורבן און אויפבוי האט דערווייל געזיגט דער חורבן. דאס יידישע פאלק איז קלענער געווארן מיט א דריטל און איז צוריקגעגאנגען אין זיין באשטאנד צום יאר 1900, ווען עס האט געציילט נאר 11 מיליאנען. כמעט פופציק יאר זיינען אויסגעמעקט געווארן אין דער געשיכטע פון אונדזער ביאלאגישן וווּקס. מיר האבן ניט באוויזן ניצול צו ווערן פון די נעגל פון חורבן. און בעת דער אויפבוי פון יידישן לעבן קומט פאר מיט לאנגזאמע טריט, שפאנט דער חורבן מיט ריזיקע טריט פון א דינאמישער קאטאסטראפע.

נאר א יידישע מדינה מיט גרויסע און אייגענע כוחות און מיטלען איז בכוח צוצואיילן דעם יידישן אויפבוי-פראצעס און מציל זיין וואס גרעסערע מאסן פון יידישן פאלק פון דער גלות-קללה פון פארניכטונג.

און נאך ווייט איז דער וועט-געיעג צווישן חורבן און אויפבוי ניט פארענדיקט. נאך זיינען ניט פארשטומט געווארן די דונערן און בליצן פון דעם לעצטן בלוט-שטורם, און שוין זאמלען זיך נייע און געדיכטע וואלקנס איבער אונדזערע קעפ.

מיר לעבן אין שאטן פון א נייער מלחמה און פון א נייער קאטאסטראפע.

דאס יידישע פאלק איז היינט אין א גרעסערער סכנה ווי דאס יידישע לאנד.

ווייל דעם יידישן פאלק דראט — אונטערגאנג,
דעם יידישן לאנד דראט — חלוקה.

מיר מאַרן ניט וואַרטן. אַרום און אַרום ראַנגלען זיך אונטערדריקטע פעלקער פאַר זייער מלוכהשער־זעלבסטשטענדיקייט אין דערגרייכן איר. באַלד וועלן מיר בלייבן די לעצטע.

די יידישע מדינה ווערט פּראָקלאַמירט, ווען אונדזער נאַציאָנאַלער זייגער האָט שוין אויסגעשלאָגן 5 מינוט פאַר 12.

מיר שטייען אויפן שוועל פון דער יידישער מדינה, און אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אויף אַ שוועל, פילט די פאַריגלטע טיר אַ סך ממשותדיקער און פּיינלעכער, ווי פון דערווייטנס.

יידישע מדינה איז ניט קיין צויבער־וואָרט. זי קרוינט ניט די ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג, ווי מיר האָבן אַ מאָל געמיינט; זי דאַרף איר ערשט דערמעגלעכן. און דערפאַר איז די פראַגע פון אַנפילן די מדינה־ראַם מיט אַ תוכן — אַ לעבנס־פראַגע, וואָס וועט באַשטימען אונדזער גורל.

אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל איז ניט גענוג, און דער שם־המפורש פון דער יידישער מדינה וועט קיינמאָל ניט פאַרוועקסלען אונדזער ממשותדיקן כוח.

מיר שטייען פנים אל פנים מיט אַ געפערלעכער אילוזיע, אַז מיט דער אויפשטעלונג פון אַ יידישער מדינה, איז די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם געוואָרן אַן איינמאַליקער, אַדמיניסטראַטיווער און מעכאַנישער מלוכה־אַקט. נאָך קיינמאָל איז חלוציות — די נשמה פון ציוניזם — ניט געווען אַזוי נויטיק אַלס מאַסנהאַפטע פאָלקס־אַנטפלעקונג, ווי היינט, אויפן שוועל פון דער יידישער מדינה.

די יידישע מדינה מוז ציען און אויפנעמען מיליאָנען יידן און צו דעם צוועק מוז זי אויסאיבן די העכסטע נאַציאָנאַלע קאָנטראָל איבער אַלע רעזערוון פון באָדן, וואַסער און אַרבעטס־כוחות.

ווייל — די יידישע נויט איז גרויס;

דאָס יידיש לאַנד איז קליין.

און דערפאַר דאַרף יעדער שפּאַן באָדן און יעדער טראָפּן וואַסער אויסגענוצט ווערן פאַר דער אויפנאַמע פון מיליאָנען. דער אינטערעס פון ציוניזם — דער אינטערעס פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן — קאָן געזיכערט ווערן נאָר אין אַ פרייער, דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער מדינה.

מיר גייען אַריין אין אַ נייעם עטאַפּ פון אַ פאַרגיכערטן מלוכהשן אויפבוי־פּראָצעס, וואָס וועט מיט דער צייט אַרומנעמען ברייטע שיכטן סיי פון דער פאָלקס־אָרעמקייט, סיי פון דער גרויס־בורזשואַזיע. אין דעם דאָזיקן עטאַפּ וועט אַלץ שטאַרקער און שאַרפער ווערן דער אינטערעסן־קאָנפליקט אין ציוניזם און ס'וועט זיך אויסברייטערן דער שטח פון קלאַסן־רייבונגען און קלאַסן־קאַמף אין ישוב. דורך זיי וועט אַנטשיידן ווערן די סאָציאַל־פּאָליטישע סטרוקטור פון דער יידישער מדינה. ס'וואָלט געווען אַן אומגליק, ווען די דאָזיקע סטרוקטור וואָלט געשטאַנען

אין ווידערשפרוך צו די לעבנס־אינטערעסן פון די ברייטע יידישע פאלקס־מאסן און געהאַמעוועט די פולע און שנעלע פארווירקלעכונג פון ציוניזם. און דעריבער שטייט היינט די יידישע ארבעטער־באוועגונג פאר א גרוי־סער היסטארישער שליחות: אפצוהיטן די ירושה פון 3 חלוצישע דורות, צו פארזיכערן די העגעמאניע פון ארבעט און חלוצישער קאָאָפּעראַציע, צו מאביליזירן די יידישע פאלקס־מאסן פארן שוץ און אויפבוי פון א יידי־שער, סאציאליסטישער מדינה.

זי מוז שטיין אויף דער וואך אקעגן דער סכנה פון יידישן פאשיזם און צונישט מאכן יעדן פרווו פון רייצן שאוויניסטישע אינסטינקטן, פון שטויסן די יונגע מדינה אויפן וועג פון בלוטיקע פראוואקאציעס, פון סי־גערירן דעם יידישן ישוב א זעלבסטמערדערישע קריגס־היסטעריע. ניט אזוי שנעל וועט דער רעוויזיאניזם פארגעסן, אז די יידישע מדינה קומט פון די חלוצישע ארבעטער — הענט און ניט אזוי לייכט וועט ער משלים־זיין דערמיט, דאס אין די זעלבע הענט ליגט איר גורל און צוקונפט.

די דאזיקע סכנות, וואס שטייען אונדז פאר אויפן וועג צו דער פו־לער פארווירקלעכונג פון ציוניזם קאנען איבערגעווינדעט ווערן דורך אר־בעטער — אחדות, באזירט אויף ברייטע יסודות, וו ס'זאל צום אויסדרוק קומען דער קאלעקטיווער שאפונגס־ווילן פון דעם יידישן ארבעטער־קלאס. אנשטאט דעם קומט פאר אין געוויסע טיילן פון יידישן ארבעטער־לאגער אן איבערגרופירונג פון כוחות אין גייסט פון אן אנטי־מפא"ישער קאנצענטראציע און לויט דער ליניע פון פאליטישע „אריענטאציעס". אין אונדזערע אויגן ווערן אויפגעלייזט נאטירלעכע פארבינדונגען און ס'שאפן זיך קינסטלעכע מחיצות.

און נאך איידער די וועלט האט זיך באוויזן צו שפאלטן אויף „מז־רח" און „מערב", דראט, אז די יידישע ארבעטער — באוועגונג זאל אדורכגעשניטן ווערן מיט דער אומגליקלעכער און קינסטלעכער שיי־דונגס — ליניע פון „מזרח" — און „מערב — אריענטאציעס". היינט אין די דאזיקע דערשיינונג א סך געפערלעכער ווי אמאָל, ווען ס'האט זיך גע־שפאלטן די פועלי־ציון־באוועגונג נאך דעם ערשטן וועלט־קריג. ווייל היינט איז מפקיד געווארן אין יידישע ארבעטער — הענט דער גרעסטער און דער טייערסטער קנין פון יידישע דורות — די יידישע מדינה.

די פארטיי אין דייטשלאנד האט בייגעטראגן א גרויסן און וואגיקן צושטייער צו דעם ציוניסטישן געראנגל פון דער שארית־הפליטה. זי האט אים געפארעמט און געלייטערט. זי איז געווען דער מאנער און וועקער. אויף דעם וועג, וואס האט זיך געשלענגלט צווישן די חורבות, האט זי געזאמלט רעשטלעך פון יידישן קיום — רעשטלעך פון מענטשן און ווערטן און אויפסניי זיי צוזאמען געשמידט אין א איינהייטלעכן און לעבנסוויליקן כוח.

אונדזער וועג איז געווען און פארבליבן דער וועג פון אק־טיוון ציוניזם און קאנסטרוקטיוון סאציא־

ליזם, פון חלוצישער פארווירקלעכונג און חלוצישער העגעמאניע, פון פאליטישער ארבעטער־אחדות און געראנגל פאר הער אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה.

מיר האבן אפגעווארפן די פראוועלאגיע פון „רעוואלוציאנערן״ הורא־סאציאליזם, ווי אויך פון דעם מין „אקטיוויסטישן״ ציוניזם, וועלכער האט זיך דער עיקר — אויסגעלעבט אין אן אקטיוון קאמף קעגן דער העכסטער ציוניסטישער לייטונג.

מיר האבן געזען אין דער שארית־הפליטה אן אקטיוון ציוניסטישן גורם, וועלכן די אביעקטיווע אומשטענדן אליין האבן בארופן צו פארנעמען א וואגיקן און אנטשיידנדיקן אפשניט אויפן פראנט פון ציוניסטישן געראנגל, פון חלוצישן אויפבוי, פון סאציאלן איבערבוי.

כמעט איינזאם זיינען מיר געשטאנען, ווען ס׳האט זיך געפאדערט דאס אקטיוויזירן און מאביליזירן די שארית־הפליטה אין קאמף פאר דער פאליטישער צוקונפט פון ארץ־ישראל און פאר דער אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה. אנדערע — און צווישן זיי די געשווירענע „אקטיוויסטן״ — האבן פארשטאנען צו צוימען די פארבארגענע ענערגיע פון די יידישע לאגערן, עס זאל, חס וחלילה, ניט קומען צום אויסדריק דאס ווארט, וואס שטייט ניט געשריבן אין האנטבוך פון זייער פאליטישן אלפאבעט.

ווי טרויעריק און קאמיש צוגלייך קומען אונדז היינט אויס די פרווון צו פארטיליקן די אמתע שטים פון דער שארית־הפליטה און ניט לאזן איר אפהילכן אין אנטשיידנדיקן מאמענט פון געראנגל! ווי אומבארעכנט און קורצזיכטיק זיינען געווען די אנשטרענגונגען ארונטערצורייסן דעם אויטאריטעט פון דער העכסטער ציוניסטישער לייטונג און איגנארירן די באשלוסן פון ציוניסטישן קאנגרעס — אין נאמען פון קאנגרעס פון דער שארית־הפליטה!...

דאס לעבן אליין האט ליקווידירט דאס קאפיטל פון שוואכקייט און פארלוירנקייט.

איצט געפינען מיר זיך אלע אין קריגס־צושטאנד: די יידישע מדינה ראנגלט זיך מיט די לעצטע כוחות פון יידישן פאלק און פון דער יידישער געשיכטע פאר קיום, פארפעסטיקונג און בטחון. אין אזא מצב דארף די שארית־הפליטה זיין דער אקטיווער מיטקעמפער אין א פיל גרעסערער מאס. ווי זי איז עס געווען פאר דעם „אונא״־באשלוס. זי וועט עס זיין נאר דאן, אויב יעדער געדאנק און געפיל אין איר וועט פולסירן מיטן ריטמוס פון די געשעענישן אין לאנד און יעדער נערוו פון איר נשמה וועט אדורכלעבן דעם גאנצן תוכן פון דער יידישער מלחמה אין ארץ־ישראל.

די שארית־הפליטה שטייט פאר נייע און ריזיקע אויפגאבן, וועלכע נאר זי אליין קאן אויסטראגן און דערפילן.

די אויפגאבן זיינען:

א) אלגעמיינער ג י ו ס אין די רייען פון דער ה ג נ ה און פאר אלע אויפגאבן צו וועלכע ס'ווערט היינט געפאדערט דער יידישער מענטש.

ב) אן אלגעמיינע ה כ ש ר ה פאר א גיכער און צוועקמעסיקער איינגלידערונג פון דער שארית-הפליטה אין דער גייסטיקער און עקאנאמי-שער סטרוקטור פון דעם ארץ-ישראלדיקן ישוב; א חלוציש, בארופלעכע און מיליטערישע הכשרה.

ג) ה ע פ ל ה א ו ן ע ל י ה, אלס טייל פון א פולער און אנט-גילטיקער יציאת גרמניה.

ס'פאדערט זיך א ראדיקאלער איבערברוך אין דעם גאנצן גע-דאנקן-גאנג פון דעם ציוניסטישן אקטיוו פון דער שארית-הפליטה.

ס'נויטיקט זיך א שטארקע אינערלעכע אויפטרייסלונג אין דעם טאג-טעגלעכן לעבן פון די יידישע לאגערן.

אין ארץ-ישראל און אין ציוניזם איז פארגעקומען א היסטארישע ווענדונג, וועלכע דארף געפינען איר אנטשפרעכנדן אויסדרוק אויך אין לעבן פון דער שארית הפליטה.

ליידער זיינען די ערשטע אויפברויזן פון טיפער פרייד ניט באגלייט געווארן דורך א פלאנמעסיקער מאביליזאציע פון אלע אונדזערע כוחות און מיטלען. דאס מוז געשען היינט.

זאלן אלע אינסטאנצן פון דער שארית-הפליטה געשטעלט ווערן אין רשות פון די גרויסע, באפרשטייענדע אויפגאבן. און זאל א שנעלע און ראדיקאלע רעארגאניזאציע און זויבערונג פון אונדזער גאנצן געזעל-שאפטלעכן לעבן, מכשיר זיין דעם יידישן לאגער אין דייטשלאנד צו ווערן ווידער דער טרעגער פון ציוניסטישער שפאנונג און פון מיט-אנטשיידנ-דער שותפות אין דעם גרויסן, היסטארישן געראנגל פון ישוב און פאלק.

די שארית - הפליטה איז היינט צוריקגעגאנגען צו דעם אויסגאנגס-פונקט, אויף וועלכן זי איז געשטאנען א טאג נאך דער באפרייאונג — מיט קלענערע כוחות, אבער אויך מיט ווייניקער אילוזיעס. זי האט גע-לערנט אין לויף פון די יארן, אז יידישע באפרייאונג קאן דערגרייכט ווערן נאר דורך א יידישער מלחמה.

און זאל היינט, אויפן שוועל פון דער יידישער מדינה, אויף דעם זאמל-פונקט פאר א גרויסן, נאציאנאלן עקאזדוס, ווידער באנייט ווערן אין דעם יידישן לאגער אין דייטשלאנד, דער גייסט פון די וואנדערונגען, דער הייסער אטעם פון גרענעצן, דער כוח פון די טראגישע איבערלעבע-נישן, דער הייליקער ציטער פון אחדות.

ווייל נאר מיט זיי וועט דער יידישער לאגער קאנען בייקומען די אלע שטערונגען און מכשולים, וואס האבן זיך אנגעזאמלט אויף די וועגן פון יציאת גרמניה.

די וואס האבן אמייסטן געליטן און געזען דעם טויט פאר די אויגן, וועלן זוכה זיין צו זען די זון פון באפרייאונג. זיי וועלן גיין קיין ארץ־ישראל אין נאמען פון דורות — סיי פון די, וואס האבן ניט זוכה געווען און זיינען אויסגעשטארבן אין מדבר פון חורבן, סיי פון די, וואס געבוירן אויף דער אייגענער ערד, וועלן קיינמאל ניט פארזוכן דעם טעם פון פארניכטונג.

פון זיי אלע וועט דאס יידישע פאלק אויפשטיין און נעמען אין זיינע ארעמס דאס לאנד, ווו עס איז געבוירן געווארן די יידישע געשיכטע, און ווו צוזאמען מיט איר וועט דער יידישער מענטש צוריקבאקומען זיין פרייהייט און צוקונפט.

און זאל היינט אפגעגעבן ווערן כבוד די פענער פון דער באוועגונג, שטאלצע אויפן עבר און האפנונגספולע לגבי דער צוקונפט, וועלכע דערמאנען אונדז דעם לאנגן און מיפולן קאמף — און באפרייאונגס־וועג פון די יידישע הארפאשנע מאסן.

אין פינסטערע ווארשטאטן האבן די פענער אנגעהויבן צו לעבן, אין קרומע געסלעך פון יידישע געטאס איינגעאטעמט אין זיך די יידישע נויט, און אנגעזאפט מיט פיין און פראטעסט. האבן זיי געשפאנט איבער בלוטיקע שליאכן פון יידישן גורל, בעת זיי פירן מאסן צום קאמף און נצחון. זיי האבן מנצח געווען: זיי וועלן מארגן פלאטערן הויך אויף די מויערן פון דער פרייער יידישער סאציאליסטישער מדינה.

13. דאקומענטן און מאטעריאל

החלטות ועד הבריגדה על שליחות החי"ל בגולה

(נתקבל ב־14 בפברואר 1946)

1. כללי

מתוך הכרת הצורך באחדותה של שארית הפליטה, מתוך אמונה בשליחות החי"ל בגולה ובהתאם להחלטת המוסדות העליונים של התנועה הציונית בנוגע לשליחות באירופה — חוזר ומכריז ו. ה. על נכונותו להלחם למען אחדות ציונית וחלוצית באירופה. מתוך כך מחליט ו ה.:

א) שליחינו הם שליחי החטיבה כולה ופועלים, לפני הכל, למען הענינים והצרכים של שארית הפליטה כולה.

ב) שליחי ו. ה. יפעלו כיחידה אחת תחת מרותו והדרכתו של ו. ה.

2. חלוץ אחיד

שליחי ו. ה. יפעלו למען הקמת חלוץ אחיד והכשרה מעורבת החלוץ האחיד מחנך:

א) להגשמה עצמית, עליה, עבודה עברית, חקלאות וכיבוש עבודה, הגנה והתנגדות עברית, התישבות עובדת לכל צורותיה, עזרה הדדית, שיתוף ואחדות פועלית חלוצית.

ב) חברות להסתדרות הציונית, זיקה להסתדרות העובדים הכללית.

הערה: חובת החברות האישית להסתדרות העובדים הכללית אינה חלה על חברי בית"ר וחברי גופים אחרים, שאינם משתייכים להסתדרית העובדים הכללית. חברות אישית להסתדרות הציונית ומרות ההסתדרות הציונית אינם חלים על חברי בית"ר באופן אישי, בשאלות שהן בניגוד למצפונם.

ג) ההשתייכות לחלוץ האחיד היא אישית.

ד) ההכשרה בחלוץ האחיד היא מעורבת.

הערה: בתוך ההכשרות המעורבות מותח לגרעיני עליה לקיים מדי פעם בפעם שיחות על בעיותיהן הפנימיות, אולם הפעולה החינוכית ־תרבותית בהכשרות המעורבות תעשה במשותף לפי תכנית כללית.
יש לאפשר לחברים הדתיים אורח חיים דתי.

3. נח״ם.

ו. ה. רואה בנח״ם בטוי ההולם את השאיפה של שארית הפליטה לאחדות, אולם ללא זכויות יתר בשטח כלכלי, תרבותי או עליה לגבי גופים אחרים.

4. מוסדות ילדים משותפים.

על שליחי הבריגדה לפעול למען קיום מוסדות ילדים משותפים.

5. הסתדרות ציונית אחידה

על שליחי הבריגדה לפעול למען קיום הסתדרות ציונית אחידה בגרמניה, ללא מפלגות, העומדת לרשות ההסתדרות הציונית העולמית.

הערה: מרות זו אינה חלה על חברי הצ״ח באופן אישי, בענינים שהם בניגוד למצפונם.

דערקלערונג פון כינוס ציוני־בוו̇ריה אין מינכען דעם 25.6.45

אין אט דער שיקזאלשווערער שעה, אין וועלכער אונדזערע געפילן זיינען געמישט פון פרייד פון אונדזער באפרייאונג דורך די אליאירטע ארמייען און דער פולשטענדיקער פארניכטונג פון פאשיזם און מיט טיפן צער וועגן חורבן פון אייראפעאישן יידנטום, וואס איז געווען דער איינציקער רעזערוואר פארן ארץ־ישראל־אויפבוי:

א) ווענדן מיר זיך — די פארטרעטער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, וואס האבן פארגעזעצט אויך נאך דער ליקווידאציע פון דער לעגאלער טעטיקייט זייער ארבעט־אונטערערדיש — צו דער שארית הפליטה מיט דער פאדערונג צו לערנען פון דער געוואלטיקער קאטאסטראפע, וואס האט אין דער איצטיקער מלחמה געטראפן אונדזער פאלק, און צו ציען אלס איינציקע קאנסעקווענץ פון דער געשאפענער לאגע די ליקווידאציע פון אייראפעאישן גלות און די עליה פון די איבערגעבליבענע קיין ארץ־ישראל;

ב) ווארנען מיר אויך דעם טייל פון אונדזער פאלק, וואס האט דירעקט ניט געליטן פון דער איצטיקער קאטאסטראפע, אז מיט דער פאר־

ניכטונג פון פאשיזם האט דער אנטיסעמיטיזם נאך ניט אויפגעהערט צו באשטיין, און פאדערן פון אים, הויפטזעכלעך פון אונדזערע ברידער אין אמעריקע, די קאנצענטראציע פון אלע זייערע כוחות צום אויפבוי פון דער יידישער היים אין ארץ־ישראל;

ג) פאדערן מיר, זיינענדיק עדות פון אונטערגאנג פון אייראפעאישן יידנטום, אלס פארגיטיקונג פאר דאס אומשולדיק פארגאסענע בלוט פון אונדזערע מענער, פרויען און קינדער, די אנערקענונג פון אונדזערע רעכט אויף א יידישער מדינה אין ארץ־ישראל אלס איינציקע לייזונג פון יידן און יידנטום פראבלעם, כדי צו פארמיידן, אזא קאטאסטראפע זאל זיך ווען ניט איז איבערחזרן.

אלס אונדזערע אויפגאבן אין דער צוקונפט זעען מיר:

א) ארויפדריקן דורך דער עליה פון שארית־הפליטה דעם שטעמפל פון אייניקונג אויפן ישוב מיטן מאראלישן כוח פון אונדזערע געמיינזאמע איבערלעבונגען אין דער צייט פון דער גוואלטיקער קאטאסטראפע פון אייראפעאישן גלות און פון אונדזער געמיינזאמער ציוניסטישער ארבעט אין משך פון די לעצטע זעקס יארן אלס ציוניסטישע ווידערשטאנדס־באוועגונג.

ב) דורכצופירינגען דעם באוווסטזיין פון אונדזער נאציאנאלן לעבן אין ארץ־ישראל מיט דער גרויס פון דער קאטאסטראפע פון אייראפע־אישן גלות.

ג) צו שטרעבן נאך א סאציאלער רעגענעראציע אין דער צייט פון ארץ־ישראל אויפבוי לטובת אונדזער גענעזונג.

כינוס ציוני בוריה.

מינכן, 25.6.45.

פלאטפארם פון „ה. צ. א. של שארית הפליטה בגרמניה"

די „הסתדרות ציונית אחידה של שארית הפליטה בגרמניה" פארייניקט אלע ציוניסטן פון שארית הפליטה אויף פאלגנדע יסודות:

1. יידישע מדינה;
2. בויען ארץ־ישראל אויף סאציאליסטישע יסודות;
3. זעלבסט־ארבעט;
4. שטרעבן און אנגעהעריקייט צו אן איינהייטלעכער הסתדרות העובדים;
5. דערזבערונג פון ארבעט;
6. פריווילעגיע פאר לאנדווירטשאפט;

7. פיזישע, גייסטיקע און מיליטערישע הכשרה;
8. ארבעטנדע קאלאניזאציע אין אלע פארמען;
9. קענגזייטיקע הילף און קאאפעראציע;
10. העברעאישע שפראך און קולטור;
11. עליה ביי אלע באדינגונגען.

באשלוסן פון דער ערשטער מועצה אין פראנקפורט
דעם 23-24. 10. 1945

1. די „הסתדרות ציונית אחידה של שארית = הפליטה בגרמניה" היט אפ א באשטימטע ספעציפישקייט אין איר געבוי אין די ראמען פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע. איר דאזיקע ספעציפישקייט קומט פון דער באזונדערער לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאס יידנטום אין דייטשלאנד נאך דער באפרייאונג, וואס איז איינגטלעך צוזאמענגעזעצט פון פארשידענע רעשטלעך — יידן, וואס זיינען געקומען קיין דייטשלאנד דורך קאנצענטראציאנס לאגערן, פליטים וואס זיינען ניצול געווארן „אחד מעיר ושנים ממשפחה", וואס זיינען צוזאמען מיט זייער אומנארמאלן שטאנד פארוואנדלט געווארן אין אן המון וואס האט קיין זאך ניט, וואס האט ניט קיין שטוב און איז דעקלאסירט געווארן, אדער: א גאנצער קלאס פון מענטשן, וואס האבן קיין זאך ניט.

2. אט דער קלאס פון שארית = הפליטה איז דורכגעדרונגען מיט א פרימערן ציוניסטישן באוווסטזיין, וואס האט זיך אויסגעשמידט אין די יארן פון שרעקלעכע פיין, אנהויבנדיק פון דער אונטערערד אין די געטאס, פארזעצנדיק דעם וועג אין קאמף פון פארטיזאנער און עטאקאמבאטאנטן, קאצעטן און טויט=לאגערן, און וואס איז פארוואנדלט געווארן אין זייער איינציקן טרייסט און האפנונג אין זייער לעבן.

3. אט דער קלאס פון שארית=הפליטה באטראכט דייטשלאנד נאך דער באפרייאונג אלס המשך פון קאצעט און זעט זיין לעבן דא אלס דורכגאנגס = סטאציע אויפן וועג קיין ארץ=ישראל, וואס פירט צו א נייעם לעבן פון ארבעט און שאפונג.

4. די „הסתדרות ציונית אחידה של שארית = הפליטה בגרמניה" זעט זיך אין צוקונפט אין ארבעטער = לאגער אין ארץ=ישראל און באטראכט אלס איר היסטארישע אויפגאבע:

א. אין שטארקן די בויענדע קרעפטן אין לאנד, וואס קעמפן אין אט דער היסטארישער תקופה פון אונדזער פאלק פאר א ראדיקאלע לייזונג פון דער יידן=פראגע דורך דעם פראקלאמירן א יידישע מדינה.

ב. אין אויפהויבן די פאן פון אחדות אין ישוב אין מאמענט פון קאמף פון פאלק פאר זיין צוקונפט.

ג. אין דער קאנסאלידאציע פון די חלוצישע כוחות אין ארץ-ישראל דורך דער שאפונג פון א פראפעסיאנעלער און פאליטישער אייניקייט פון אלע ארבעטער אין לאנד און דורך דער אייניקייט פון אלע עלעמענטן פון חלוציאנישער פארווירקלעכונג אין דער ארבעטנדער קאלאניזאציע.

ד. דורך ארגאניזירן די שארית הפליטה, כדי איר צו פארוואנדלען אין א טרעגער פון קאמף פאר פאראייניקונג, אין אן ארגאניזירטער באוועגונג, וואס וועט אויפשטעלן מכשירים און קיבוצים פארן קאמף פאר פאראייניקונג ביז דער שאפונג פון דער אויבנדערמאנטער אחדות.

5. צוליב דעם ארגאניזירט דער מרכז וואס ווערט געקליבן דורך דעם צוזאמענפאר פון דער „הסתדרות ציונית אחידה של שארית הפליטה בגרמניה" און וואס איז דער רעפרעזענטאנט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע כלפי די אינסטיטוציעס פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע, דאס לעבן פון די יידן אין די לאגערן און די פארשייטע פונקטן, פירט אן מיט דער גאנצער ציוניסטישער טעטיקייט, ארגאניזירט די יידן פאר הכשרה און עליה, פירט דורך דעם מפעל הכשרה פאר דער חלוצישער יוגנט אין דערציט איר אין אן איינהייטלעכער חלוצישער דערציאונג אנטשפרעכנדיק די יסודות, וואס זיינען אנגענומען דורך דער הסתדרות, פירט דורך קולטורעל-אויפקלערערישע טעטיקייט צווישן דער גאנצער שארית הפליטה, וואס גרייט זיך צו א לעבן פון שאפונג און ארבעט אין ארץ-ישראל.

6. אין איינקלאנג מיט דעם סטאטוט וואס איז אנגענומען געווארן אויף דער לאנדסבערגער קאנפערענץ 11—12.9.1945, אונטערשטרייכט די מועצה די אנגעהעריקייט פון אלע חברים פון דער הסתדרות ציונית אחידה של שארית הפליטה בגרמניה צו דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע און באאופטראגט דעם מרכז דורכצופירן די יערלעכע שקל-אקציע.

7. א) אלס צוגאב צו דער פלאטפארם, וואס איז אנגענומען געווארן אויף דער לאנדסבערגער קאנפערענץ (11—12.9.1945), באטראכט די מועצה די דערציונג צו דער הסתדרות הכללית של העובדים העברים בא"י אלס איינע פון די דערציערישע פרינציפן פון „נוער חלוצי מאוחד" („נוחם").

ב) אזוי ווי דער „הפועל המזרחי" איז אן ארבעטער ארגאניזאציע, וואס איז אנערקענט געווארן פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע, נעגירט ניט די מועצה דעם ווערט פון „הפועל המזרחי" רופט אים אבער צו פאראייניקונג מיט דעם כלל פון דער ארבעטערשאפט אין הסתדרות העובדים.

החלטות פון דער ערשטער קאנפערענץ פון „נוחם" (נוער חלוצי מאוחד), וואס איז פארגעקומען אין הכשרה־קיבוץ „נילי" (ביי פירט), דעם 17—19 פעברואר 1946.

1. נוער חלוצי מאוחד („נוחם") אין דייטשלאנד, וואס איז דעם 17—19 פעברואר צוזאמענגעקומען אויף זיין ערשטער לאנד־קאנפערענץ אין קיבוץ־הכשרה „נילי" ביי פירט, פראקלאמירט זיך אלס אינטערגראַלער טייל פון דער הסתדרות ציונית אחידה של שארית הפליטה בגרמניה און אידענטיפיצירט זיך מיט אירע גרונט־זאצן, וואָס זיינען אנגענומען געוואָרן אויף דעם צוזאמענפאר אין פריימאַן, אויף דער ערשטער לאנד־קאנפערענץ אין לאנדסבערג, און אויף דער מועצה אין פראנקפורט, וואָס רעזומירן זיך ווי עס פאלגט:

א) אין ראנגלעניש פאר א יידישער מדינה אין אונדזער צייט;

ב) אין שטרעבן צום אויפבוי פון לאנד אויף סאציאליסטישע יסודות;

ג) אין ארבעט, זעלבסט־פארווירקלעכונג, שיתוף און חלוציות;

ד) אין אנגעהעריקייט פון אלע חברים צו דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע;

ה) אין דערציונג און אנגעהעריקייט צו הסתדרות עובדים כללית;

ו) אין פארפליכטן אלע חברים צו קערפערלעכער און גייסטיקער הכשרה, הגנה;

ז) אין העברעאישער שפראך און קולטור;

ח) אין עליה און העפלה אויף אלע וועגן און אונטער אלע באדינגונגען;

ט) אין אויפריכטיקן ווילן צו אייניקייט פון פאלק און פולע פאר־אייניקונג פון אלע בויענדע כוחות פון ארץ־ישראל;

החלטות אנגענומען אויף דער זיצונג פון ראט פון דער הסתדרות ציונית אחידה דעם 5־טן נאוועמבער 1946.

די מועצה זעט אלס די צענטראלע אויפגאבן דאס ארייַנדרינגען פון די יידישע נאציאנאלע און קולטורעלע ווערטן אין די ברייטסטע שיכטן פון דער שארית הפליטה, די פארטיפונג פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער דערציונג אין די רייען פון דער באוועגונג, די פארפעסטיקונג

פון אירע ארגאניזאציאָנעלע ראמען און די שטארקונג פון פארטיי־דיס־ציפלין.

די באוועגונג וועט ווייטער פארזעצן איר קאמף פאר דער ציוניסטיש־פאליטישער און חלוצישער אחדות פון דער שארית הפליטה.

די מועצה פאדערט אויף דעם מרכז צו רופן נאך דעם 22־טן ציוניסטישן קאנגרעס אן אויסערארדנטלעכע לאנד־קאנפערענץ מיטן צוועק פעסטצושטעלן די ארגאניזאציאָנעלע און אידייאישע יסודות פון דער הסתדרות ציונית אחידה אין גייסט פון די אויף דער מועצה ארויסגעזאָגטע מיינונגען.

די מועצה באשליסט, אז די דעלעגאַטן פון דער הסתדרות ציונית אחידה צום 22־טן ציוניסטישן קאנגרעס שליסן זיך אָן אלס אויטאנאמע גרופע — אין דער קאנגרעס־פראקציע פון פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות.

אויפרוף צו די ארטיקע וועדים פון דער ה. צ. א. צו די חברים פון נוח"ם, „העובד", „הסתדרות לוחמים", און „ארגון נשים" אין דייטשלאנד.

אונדזער באוועגונג אין דייטשלאנד שטייט היינט פאר א גרויסער אויפגאבע:

ס'איז געקומען די שעה צו מאכן דעם היסטאָרישן סך הכל פון א וועג, וועלכן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער זיינען געגאנגען זייט דעם ערשטן טאג פון באפרייאונג. קיין אנדער וועג ווי דער איז ניט געווען פאר די יעניקע, וואָס האבן מיט אייגענע אויגן געזען דעם גרויזאַמען אומגליק און איינגעזאפט אין זייער נשמה דעם טעם פון יידישן גורל אין גלות. דער וועג וואָס האט זיך געשלענגלט צווישן מיליאָנען געמיינזאמע קברים, האט געקאנט זיין נאר א גיימיינזאמער.

אויף די חורבות פון יידישן לעבן איז דערהויבן געוואָרן די פאָן פון יידישער אחדות — די אחדות פון יידישן גורל, פון בונט אקעגן דעם גלות — פון געראנגל פאר א פרייען מארגן און א שעפערישן ארבעטס־לעבן אין א"י. דער באפרייטער יידישער לאגער אין דייטשלאנד איז געווען אייניק סיי מיטן כוח פון זיין טראגעדיע־איבערלעבענישן און סיי מיטן כוח פון זיין אמונה און באלדיקער יציאת־אייראפע.

די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין ארץ־ישראל האט אוועקגעשטעלט דעם יידישן לאגער אין דייטשלאנד אין א שווערן נסיון. מידקייט און פארצווייפלונג האבן אנגערירט די סאמע יסודות פון זיין געזעלשאפט־לעכן קיום. פון יאוש זיינען אויסגעוואקסן די פינסטערע און רעאקציאָ־

נערע כוחות אין יידישן לעבן אין דייטשלאנד, וואָס זייען אנארכיע און דעסטרוקציע.

אין אזא לאגע זיינען אָפּגעשוואכט געוואָרן די כוחות פון חלוצישער און ציוניסטישער אחדות, וואָס האט געבילדעט דעם תמצית פון יידישן לעבנס=ווילן אין דער צייט פון חורבן און גלייך נאך דער „באפרייאונג". שארפע און ביטערע פארטיי=סוכסוכים האבן אנגעהויבן צו הילכן אין אויסצופילן דעם חלל פון די רעשטלעך פון יידישן לעבן אין אייראפע. די געמיינזאמע ציוניסטישע און חלוצישע ראַם פון דער שארית הפליטה האט זיך אנגעהויבן צו ברעקלען און צו פאלן אין פיצלעך.

ווי די לעצטע און איינזאמע זייגען מיר פארבליבן אויף דער שויץ=מויער פון דעם גרויסן, אמאָליקן חלום:

אנדערע זיינען אויף דעם לאנגן, מיזאַמען וועג אָפּגעפאלן און אוועק אין זייערע באזונדערע פארטיי=געצעלטן. מיר האבן ניט פארלאזן און ניט פאראטן. מיר האבן עס ניט געקאנט און ניט געטארט טאָן. צו פיל הארץ און נשמה, צו פיל מי, בלוטיקע מי און איבערמענטשלעכע אנשטרענגונגען, צו פיל האפנונגען און חלומות האבן אונדזערע בעסטע חברים ארייגעלייגט, אין דער דאזיקער באוועגונג, וואָס טראגט דעם נאמען: „הסתדרות ציונית אחידה" און וועלכע זייענדיק די פארקערפערונג פון די ליידן און באגערן פון די ניצול=פארבליבענע יידן, טראגט אינציטיק אין זיך די ווערטן און אידעען פון דער באנייאונג פון יידישן לעבן אויף שעפערישע און פראָדוקטיווע יסודות פון ארבעט, פון גלות פארנייונג פון חלוציזם און געראנגל, פון דער ציוניסטיש=סאציאַליסטישער פארווירקלעכונג.

אָט די דאזיקע ווערטן און אידייען און ניט די פארמעלע, ארגאַניזאַציאָנעלע ראַם זיינען מיר טריי געווען און פארבליבן ביז צום סאמע ענדע, זיי אָפּגעהיט ווי דעם טייערסטן אינערלעכן אוצר, אויף זיי, און נאר אויף זיי געבויט דעם בנין פון חלוציש=ציוניסטישער אחדות.

ניט פאלשע „כלל=ישראל"=אידעאָלאָגיע, וואָס פארמאכט די אויגן אויף די אנטוויקלונגס=טענדענצן אין יידישן פאלקס=לעבן און זעט ניט זיין סאציאַלע פונאנדערגלידערונג אלס רעזולטאט פון דעם פארוויקלונגס=פראָצעס אין א"י — נאר אחדות, וואָס זאמלט ברייטע יידישע פאלקס=מאסן ארום דער פאָן פון זייערע היסטארישע גורל=באשטימונגען, פון נאציאָנאַלער באפרייאונג און סאציאלער באנייאונג פון א יידישן סאָציאַליזם אין א יידישער מדינה. און וואָס זאל ניט זיין דער בילאַנס פון אונדזערע דערגרייכונגען אדער פארלוסטן, אויף איין איינציקן מאמענט באדויערן מיר ניט וואָס מיר זיינען געגאנגען דעם וועג פון אויפשטעלן די חלוצישע, ציוניסטישע אחדות פון דער שארית הפליטה און געשטעלט די גרויסע און טראגישע אנשטרענגונגען פון א גאנצן דור פון חורבן אָפּצוטרייסלען פון זיך די גרויזאַמע שוואַכקייט אין אויפבויען דעם גע=

אייניקסן יידישן כוח אין פוילן שיין פון חלוציש אויפבוי און פאליטיש־ציוניסטישן געראנגל פאר ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע געשיכטע וועט אליין אורטיילן דעם דאזיקן פרוואו, וואס האט ניט, פונקט ווי דער חורבן אליין, זיין גלייכן אין אונדזער פארגאנגענהייט.

היינט — אין אנבליק פון דער אפשוואכונג אין דער ציוניסטישער שאפונג, אין אנבליק פון דעם צעפאלונגס־פראצעס פון דער אמאליקער ברייטער ראם פון חלוציש־ציוניסטישער אחדות, וואס אירע אידייען איז דער סאמע תמצית פון אונדזער וועג, איז דער געבאט אויפצושטעלן די נייע און פעסטע ארגאניזאציאנעלע פארטיי־ראם, צום שוץ און שטארקונג פון אונדזערע גייסטיקע, אידייאישע און פאליטישע ווערטן.

די ברייטע, לויזע ראם פון דער „הסתדרות ציונית אחידה" איז היינט צו טאג ניט גענוג בכדי אויסצושטיין דעם אנגריף פון בייזע און שטורמישע פארטיי־ווינטן, וואס האבן זיך צעהוליעט אין דעם יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן אין דייטשלאנד.

פנים אל פנים מיט דער נייער פארטיי ־ ווירקלעכקייט אין דייטשלאנד, מיט איר פאדטייאישער און אפט דעסטרוקטיווער דינאמיק, איז דער דרינגענדער געבאט פון דער שעה, מיר זאלן באוואפענען אונדזער באוועגונג מיט די אלע נויטיקע אידייאישע און ארגאניזאציאנעלע כלי זין, וואס זאלן איר פעאיק מאכן פאר דער אנפירער־ראל אין דער יידישער גאס, און פאר דער דערפילונג פון דער גרויסער שליחות וואס איז ארגאניש פארבונדן מיט אונדזער וועג.

עס איז ניט קיין צופאל, וואס די גרונט־יסודות פון דער הסתדרות ציונית אחידה וועלן זיין די, אויף וועלכע עס וועט אוועקגעשטעלט ווערן דער בנין פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער פארטיי אין דייטשלאנד.

די אידיי פון דער הסתדרות ציונית אחידה איז געווען די חלוציש־ציוניסטישע אחדות פון די ברייטסטע פאלקס־מאסן און יידישער יוגנט ארום דער פאן פון ציוניסטישן סאציאליזם. פון קאמף קעגן דעם רעזשים פון „ווייס־בוך" און געראנגל פאר א יידישער מדינה.

א ניט קליינעם חלק ביי דער אויפשטעלונג פון דער פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות־פארטיי אין דייטשלאנד האבן אויך די אלע חברים, וואס זיינען אויף פארשיקונג אין זייטע וואנדער־וועגן אין טיפן אזיאטישן רוסלאנד טריי געבליבן אונדזער אידיי און צוריקקומענדיק קיין דייטשלאנד מיטן באגער צו דערגרייכן די ברעגעס פון א״י, האבן זיי בייגעטראגן א סך פון זייער פארטייאישער טרייקייט און דערפארונג צו דער פארפעסטיקונג פון אונדזער באוועגונג אויף איר איצטיקן שייד־וועג.

די אמאליקע חברים פון התאחדות און פועלי־ציון, די חברים פון גורדניה און נצ״ח, וואס האבן זיך פאראייניקט אין „נחם" — זיי אלע

האבן באַרייכערט די באַוועגונג מיט א נייעם לעבנס־שטראָם, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם הייסן אָטעם פון וואַנדערונגען, פון חלוצישער עקשנות, פון פּאַרטייאישער איבערגעבנקייט.

זיי אַלע ווערן איצט גערופן אויפצושטעלן די פאַראייניקטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, ווי א געמיינזאַמע היים פאַר אַלע אונדזערע חברים, צו וועלכער פאָרמאַציע זיי זאָלן ניט געהערן.

די חברים פון „נוחם", „העובד", „לוחמים" און „ארגון נשים" — זיי אַלע באַלאַנגען צו איין באַוועגונג, וואָס שטייט היינט פאַר גרויסע און ווייט־גייענדע אַנטשיידונגען. זאָלן זיי ניט שפּאָרן קיין שום מי און אָנשטרענגונגען בכדי אויפצושטעלן אונדזער געמיינזאַמען בנין, וואָס דאַרף דינען אַלס וועג־ווייזער, אַלס לייכט־טורם פאַר די ליידנדע און שמאַכטנדע מאַסן פון דער שארית הפליטה, אין זיין לאַנגן און מיפולן וועג פון ליידן און אויסוואַנדערונג.

לאָמיר ניט דורכלאָזן דעם היסטאָרישן שאַנס פון אויפשטעלן דעם פאַראייניקטן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן כוח אין דייטשלאַנד. דאָס פאַרלאַנגט די שווערע לאַגע אין ארץ־ישראל און אין ציוניזם, דאָס פאָדערט דער וווּקס פון רעאַקציאָנערע כוחות אין דייטשלאַנד, קעגן וועלכע ס'מוז אַוועקגעשטעלט ווערן דער גאַנצער פראָנט פון אַלע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע כוחות.

באַזונדערס איז אונדזער רוף געווענדעט צו די חברים אין די רייען פון דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, וואָס האַלטן זיך פאַרבונדן מיטן איחוד־עולמי און מיט דער א"י־דיקער אַרבעטער פּאַרטיי (מפא"י), זייער פליכט אויב זיי זיינען טריי זיך אַליין און זייער פּאַרטייאישן עבר, איז צו קומען און בויען צוזאַמען מיט אונדז די געמיינזאַמע פּאַרטיי־היים.

און צו די חברים פון „הסתדרות ציונית אחידה", „נוחם", „העובד", „לוחמים" און „ארגון נשים ציוניות":

מיר רופן אייך צו דער אויסערארדנטלעכער קאָנפערענץ פון דער „הסתדרות ציונית אחידה", דעם 10־טן פעברואַר ד. י. און איינציייטיק צו דער ערשטער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (צ. ס.)—התאחדות אין דייטשלאַנד, דעם 11־טן פעברואַר ד. י.

שיקט אייערע דעלעגאַטן און פאַרוואַנדלט די קאָנפערענץ אין א גרויסן וועגד־פונקט סיי אין לעבן פון געזאַמטער באַוועגונג, סיי אין לעבן פון דעם יידישן לאַגער אין דייטשלאַנד.

ה. צ. א. של שארית הפליטה בגרמניה

המרכז

רעזאלוציעס, אנגענומענע אויף דער גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער פארטיי „פועלי־ציון (צ. ס.) התאחדות" אין דייטשלאנד, דעם 11 פעברואר 1947.

פאליטישע החלטות:

א) די גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער פארטיי „פועלי־ציון (צ.ס.)— התאחדות אין דייטשלאנד", וועלכע איז זיך צונויפגעקומען דעם 11־טן פעברואר 1947 אין שטוטגארט, הויבט אויף אין נאמען פון דער ש"ה דעם פראטעסט קעגן דער ענגלישער פאליטיק, וואס האלט צו די טויערן פון ארץ־ישראל פאר די העשטלעך פון יידישן פאלק און גראבט אונטער זייערע האפנונגען אויף דערלייזונג אין אייגענעם לאנד;

ב) די קאנפערענץ האט געהערט מיט א ציטער פון אומרו וועגן די נייע פלענער פון דער בריטישער רעגירונג, וועלכע באצוועקן צו קאנ־סאלידירן א פאליטישן רעזשים אין קעגנזאץ צו דער יידישער זעלבסט־שטענדיקייט אין א"י און צו אונדזער רעכט אויף א פרייער עליה.

ג) אין דער סיטואציע זעט די קאנפערענץ אלס א דרינגענדע נויט־ווענדיקייט צו שטארקן די הענט פון דער יידישער אגענץ אלס די איינציקע און אויסדערוויילטע פארשטייערשאפט פון דעם יידישן פאלק אין איר קאמף פאר עפענען די טויערן פון א"י און איבערגעבן די ענינים פון עליה און התישבות אין רשות פון דער סוכנות מיט דעם צוועק אויפצושטעלן א יידישע מדינה אין א"י;

ד) די שארית הפליטה שטייט ווי איין מאן הינטער דעם ישוב אין זיין קריטישן נסיון און זעט זיך אלס שותף צו זיין ציוניסטישן געראנגל;

ה) די שארית הפליטה אין דייטשלאנד איז געשפאנט אין איר אומדערשיטערלעכן ווילן פארצוזעצן איר געראנגל און וועט אויף אלע וועגן און מיט אלע מיטלען זיך דערשלאגן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל;

ו) אין דער קריטישער שעה, זעט די גרינדונגס־קאנפערענץ פון פ"צ(צ.ס.)—התאחדות איר פליכט צו פאראורטיילן אויפן שארפסטן אופן די צעשטערערישע ארבעט פון די טעראריסטן־גרופן וואס בושעווען אן א צוים אין ארץ־ישראל און רייסן ארונטער דעם ציוניסטישן געראנגל פון פאלק און ישוב.

אלגעמיינע החלטות:

1) די פענער פון דער פארטיי זיינען: די בלוי־ווייסע און די רויטע פאן.

די הימנען פון דער פארטיי זיינען: התקוה, תחזקנה און דער אינטערנאציאנאל.

2) די קאנפערענץ שליסט זיך אָן די באשלוסן פון דער לעצטער קאנפערענץ פון מפלגת פועלי ארץ ישראל, וואָס איז נוגע די וועגן פון ציוניסטישן גערעגל.

דעקלאראציע, אנגענומען אויף דער גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער פארטיי פועלי־ציון (צ. ס.) התאחדות אין דייטשלאנד דעם 11. פעברואר 1947, אין שטוטגארט.

די גרינדונגס־קאנפערענץ, אָפּגעהאלטן אין שטוטגארט דעם 11־טן פעברואר 1947, פראָקלאַמירט די אנטשטייאונג פון דער פארטיי „פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות" אין דייטשלאנד, וואס איז אָנגעשלאסן אין איחוד עולמי און דערצייט צו די גרונט־יסודות פון דער ארץ־ישראלדיקער אר־בעטער־פארטיי (מפא"י).

טריי די גייסטיקע מקורות און די חלוצישע ווערטן, וואָס זיינען אויסגעשמידט געוואָרן אין יסורים־פייער אין די לאַגערן, וואנדערונגען, אויף די פראָנטן און אין דער „רעזיסטאנץ"־באוועגונג — זעט די קאנ־פערענץ אין דער שטרעבונג פון דער שארית הפליטה צו דער אחדות פון ציוניסטישן גערעגל פאר א יידישער מדינה — א גרויסן ביישטייער צו דער ווידערשטאנדס־קראפט פון די רעשטלעך פון יידישן קבוץ אין אייראָ־פע און א וויכטיקן גורם אין דעם אלגעמיינעם ציוניסטישן פראָנט.

פאר די מאסן פון דער שארית הפליטה — די בארויבטע פון ארבעט און פרייהייט, די שווער־ און בלוטיק־געפּרוּווטע מיט דעם חורבן פון זייער גלות־קיום — איז דער וועג נאר איינער: באנייאונג פון זייער לעבן דורך שאפן און ארבעטן אויף דער אייגענער ערד, די נאציאָנאַלע און סאָציאַלע באפרייאונג. די פארווירקלעכונג פון סאציאַליזם אין א יידישער מדינה.

אָט צו די דאזיקע מאסן און יוגנט, וואָס זיינען דער נאטירלעכער פארבינדעטער פון דער ארבעטער־באוועגונג אין ארץ־ישראל און פון דער פארטיי פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות אין דייטשלאנד — רופט די קאָנ־פערענץ:

קומט און פאראייניקט אייך צו א קעמפנדן און בויענדן כוח, ארים די פענער פון סאציאַליסטישן ציוניזם, וואָס סימבאָליזירן דאס בלוט פון אייערע ליידן און די לויטערקייט פון אייערע האפנונגען.

מיט געמיינזאמע כוחות וועלן מיר דורכברעכן די מויער!

פעברואר, 1947.

פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות אין דייטשלאנד

המרכז.

רעזאלוציעס, אנגענומענע אויף דער ערשטער מועצה פון פ״צ (צ.ס.) — התאחדות דעם 26 אפריל 1947 אין ציילסהיים.

1. אָרגאניזאציאנעלע:

1) די ערשטע מועצה פון דער פארטיי פ״צ(צ.ס.)—התאחדות אין דייטשלאנד, וועלכע איז פארגעקומען אין די טעג פון 25—26 אפריל 1947 אין ציילסהיים, שטעלט פעסט, אז דער קורצער פעריאָד פון דער עקזיסטענץ פון אונדזער פארטיי אין דייטשלאנד, באווייזט א גרויסן אויפשוווּנג פון אונדזערע אידייאישע כוחות אין דער ש״ה, דורכן וווּקס פון אונדזערע סניפים, סיי אין כמות סיי אין איכות. אין משך פון דער צייט, זייט דער גרינדונגס=קאנפערענץ פון דער פ״צ(צ. ס.)—התאחדות=פארטיי אין שטוטגארט, דעם 11.2.47 ביז היינט, איז די פארטיי אויסגעוואקסן צו א באדייטנדן פאַקטאָר אין דער שארית הפליטה.

דער געדאנק פון א ציוניסטיש = סאציאַליסטישער פאראייניקטער ארבעטער=באַוועגונג האט געשלאגן טיפע וואָרצלען אין דער ש״ה און קומט צום אויסדרוק דורכן גרויסן צושטראָם פון אנהענגער פונם איחוד= עולמי, „פ״צ (צ.ס.)—התאחדות״. קעגן די שפּאַלטונגס=טענדענצן.

2. פאליטישע:

1. די מועצה זעט, אין היינטיקן מאמענט, אין דער העפלה, די צענטראלע ציוניסטישע אויפגאבע און רופט די באוועגונג צו קאנצענטרירן ארום דער העפלה אלע כוחות פון דער שארית הפליטה;

2. די מועצה שיקט איבער אירע ברודערלעכע גרוסן די מעפּילים, אויף די וועגן צו די ברעגעס פון אונדזער היימלאנד און אין ציפערן. זאל זייער מוט און ווילן דינען אלס מוסטער פאר אלע אונדזערע ברידער אין דער גאָרער וועלט;

3, אין צוזאמענהאנג מיטן אונאָ=פּלענום, וועלכער קלויבט זיך צו= נויף דעם 28=טן אַפּריל צו באהאנדלען דאס א״י=פּראבלעם, שטעלט פעסט די מועצה פון דער ציוג. סאָצ. פארטיי „פּועלי=ציון (צ.ס.)—התאחדות״ אין דייטשלאנד, אז די יידישע מאסן פון דער שארית הפליטה אין די לאגערן און שטעט שטייען פעסט פאר זייער פאָדערונג פון א פרייער עליה און א זעלבשטשטענדיקע יידישע מדינה.

4. צום 1=טן מאַי, דעם טאָג פון סאָלידאַריטעט פונם אלוועלטלעכן פראָלעטאַריאַט, רופן מיר צו די ארבעטנדיקע פון אלע לענדער: פאראיי= ניקט אייך אין קאמף פארן סאציאַליזם און שלום, קעגן מלחמה און אומ= גערעכטיקייט. שטיצט דעם ווידעראויפבוי פון יידישן פאלק אין זיין לאנד, אין א יידישער סאציאַליסטישער מדינה אין ארץ=ישראל;

5. די מועצה פאדערט אויף די גאנצע ש״ה צו אן ענערגישן ווי= דערשטאנד קעגן דער אומפאראנטוואָרטלעכער, דעסטרוקטיווער טעטיקייט פון די רעוויזיאָניסטן;

5. די מועצה שטעלט פעסט, אז די איצטיקע לאגע אין דער ש"ה פאדערט היינט מער ווי שטענדיק, א פעסטע, באדינגונגסלאזע טרייהייט צו די יסודותדיקע ווערטן פון אונדזער באוועגונג:

מדינה, געראנגל, חלוצישער ציוניזם, פאליטישער אקטיוויזם און ציוניסטישער סאציאליזם.

רעזאלוציעס, אנגענומענע אויף דער 2־טער מועצה פון פ"צ (צ.ס.) — התאחדות דעם 24־טן אויגוסט 1947 אין שטוטגארט

דער פארטיי-ראט באגריסט הארציק די אנטשטייאונג פון דער פאראייניקטער פארטיי „פועלי-ציון (צ.ס.)—התאחדות" אין פוילן אלס באשטאנד-טייל פון איחוד עולמי, און זעט אין דעם א וויכטיקע דערגרייכונג פון שטארקן אונדזער וועלט-באוועגונג אין אייראפע.

דער פארטיי-ראט רופט אלע חברים אין דייטשלאנד וואס זיינען אידייאיש פארבונדן מיט דער מפלגת פועלי ארץ-ישראל און זעען זיך אלס אירע חברים אין דער שארית הפליטה, בויען די געמיינזאמע פארטיי-היים און טראגן מיט אונדז די אחריות און די שליחות פון ציוניסטישן סאציאליזם אין דער איצטיקער גורלפולער שעה.

דער פארטיי-ראט באצייכנט אלסאומפאראנטווארטלעך די העצעריש קאמפאניע וואס ווערט געטריבן דורך יחידים און גרופן קעגן דער ציוניסטישער וועלט-עקזעקוטיווע, וועלכע רעפרעזענטירט די גאנצע ציוניסטישע באוועגונג און האט אויסצושטיין א שווערן און ביטערן פאליטישן געראנגל פאר אונדזערע רעכט אויף ארץ-ישראל.

דער פארטיי-ראט שטעלט פעסט, אז די ברייטסטע מאסן פון דער שארית הפליטה שטייען הינטער דער ציוניסטישער וועלט-עקזעקוטיווע און וועלן שטיצן אירע אנשטרענגונגען און באמיאונגען אויף דעם אינטערנאציאנאלן פארום.

באשלוסן פון דער 2־טער לאנד־אנפערנץ פון „נוחם", אקטאבער 1947.

איחוד.

הועידה רואה בצער רב את התמדת הפלוג בקרב הנוער החלוצי המלוכד סביב דגל ההסתדרות. הועידה מחייבת את התנועה לא לשקט במלהמתה לאחדות הנוער החלוצי ופונה מעל במה זו בקריאה לכל תנועות הנוער החלוציות ולהקים את התנועה המאוחדת של הנוער החלוצי.

ב) במשנה חרדה רואה הועידה את קיומן הנפרד של תנועות נוער המתחנכות לערכים משותפים, לדרך אחדות הפועלים ולערכי מפלגת פועלי ארץ-ישראל. הועידה פונה אל מפלגת פועלי ארץ-ישראל וכל הגורמים הנוגעים בתביעה להגשים ללא דחייה את הקמתה של תנועה עולמית של נוער חלוצי מאוחד.

באשלוסן פון קאנסאלידאציע־צוזאמענפאר אין פעלדאפינג דעם 31 דעצעמבער 1947 — 1 יאנואר 1948.

1. דער כינוס פון קאָנסאָלידאַציע, וועלכער קומט זיך צונויף אין א גורלפולער שעה פאר ארץ־ישראל און פאר דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, אדורכגעדרונגען מיטן באוווסטזיין פון גקויסע, היסטארישע אויפגאבן, רופט אלע אנהענגער פון איחוד עולמי און מפלגת פועלי ארץ־ישראל (מפא״י), ווי אויך די אלע, וואָס לעכצן נאך נאציאָנאַלער און סאציאַלער באפרייאונג און זעען זייער אָרט אין דער גרויסער משפחה פון בויער און קעמפער אין ארץ־ישראל, אנצושליסן זיך אין די רייען פון „פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות״.

2. אין אָנבליק פון דער אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל און געטריי אונדזער וועג אין ציוניזם און אין דער ארבעטער־באוועגונג, זעט דער כינוס פון קאָנסאָלידאַציע די וויכטיקסטע אויפגאבע אין מכשיר זיין די שארית הפליטה פאר א גרויסער און באלדיקער עליה, פארן אויפבוי און שוץ פון א יידישער, סאציאַליסטישער מדינה, וועלכע, אָפהיטנדיק די ירושה פון דריי חלוצישע דורות, זאל ווערן א היים פון ווילשטאנד און פרייהייט פאר די ברייטסטע מאסן פון יידישן פאלק.

3. דער כינוס פון קאנסאלידאציע שיקט איבער זיינע הארציקסטע גרוסן דעם וועלט־פארבאנד „פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות״ ווי אויך דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל (מפא״י) און פארזיכערט זיי, אז די באוועגונג אין דייטשלאנד שטייט אויף דער וואך פון אונדזערע געמיינזאמע ווערטן און דערגרייכונגען און וועט ווייטער טראגן הויך די פאָן פון סאציאַליסטישן ציוניזם אין די לאגערן פון דער שארית־הפליטה.

פאליטישע רעזאלוציעס:

1) די מועצה פון פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות, וועלכע איז זיך צונויפגעקומען נאכן באשלוס פון אונא וועגן איינשטעלן א זעלבשטענדיקע יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, דריקט אויס איר דאנק אלע די יעניקע מיטגלידער פון די פאראייניקטע נאציעס, וועלכע האבן געשטימט פאר דער באנייאונג פון אונדזער מלוכהשער זעלבשטשטענדיקייט;

2) אין א שעה פון גורלדיקער אנטשיידונג פארן ישוב און פארן גאנצן יידישן פאלק שטארקט די מועצה פון פועלי־ציון (צ.ס.)—התאחדות די הענט פון דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל, וואָס שטייט בראש פונם אחריותדיקן געראנגל;

3) די מועצה דריקט אויס איר טיפסטע פארבונדנקייט מיט אונדזערע חברים אין דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ. וואס האבן

דורך זייערע אומדערמידלעכע אנשטרענגונגען און פּאָליטישער וויטזיכטיקייט דערפירט צו דער גרויסער פּאָליטישער אנטשיידונג;

4) אין א תקופה פון מאָביליזאציע פון אלע כוחות פון ארץ=ישראל=ישוב, רופט די מועצה די חברים פון אונדזער פּארטיי זיך צו מאביליזירן אין די רייען פון דער הגנה און צו אונטערשטיצן מיט אלע כוחות דעם מגבית=הבטחון, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורכן ראט פון פארבאנד פון די באפרייטע יידן אין ש״ה;

5) די מועצה שיקט איבער אירע הארציקסטע ברכות די מעפּילים אויף די וועגן, ימים און פארשיקונג און פארזיכערט זיי, אז צענדליקער טויזנטער, וואָס געפינען זיך נאָך אין די לאַגערן וועלן פאלגן זיי, אויף זייער וועג, כל זמן די טויערן פון א״י וועלן ניט זיין געעפנט ברייט פאר אלע יידן;

6) א באזונדערן גרוס שיקט איבער די מועצה אונדזערע חברים פון „עקזאָדוס״ וואָס האבן דורך זייערע גרויסע חלוצישע טאַט און העלדישן ווידערשטאנד מיטגעהאלפן איז אונדזער פּאָליטישן קאַמף.

רעזאלוציעס פון דער 2־טער לאנד־קאנפערענץ אין מינכען דעם 26 — 28 יאנואר 1948.

די צווייטע לאנד=קאנפערענץ „פועלי=ציון (צ.ס.)—התאחדות״ באגלייט מיט ציטער און שפּאַנונג דעם העראָאישן געראנגל פון דעם א״יידיקן ישוב פאר דער אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה און שיקט איבער אירע ברודערלעכע דערמוטיקונגס=גרוסן די אלע, וואָס זיינען מקדיש דעם וואַפן פון דער הגנה, אָפּשטויסנדיק די בלוטיקע אָנגריפן אויף די לעבנס=פּאָזיציעס פון יידישן פאָלק.

די קאנפערענץ שטעמפּלט מיט פאראכטונג די האלטונג פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע, וועלכע זייענדיק פאראנטוואָרטלעך פאר רו און ארדנונג אין א״י, ביז דער ליקווידאציע פון מאנדאט, דערמוטיקט די אראבישע באנדעס. פארפאלגט און אנטוואָפנט די קעמפער פון דער יידישער הגנה און פארגרעסערט דעם מצב פון אנארכיע און הפקירות אין לאנד.

די קאנפערענץ דריקט אויס איר טיפסטע איבערצייגונג, אז די ענגלישע מאכט=האבער וועט ניט געלינגען מבטל צו מאכן דעם באשלוס פון „אונאָ״.

דאס גאנצע יידישע פאלק שטייט ווי איין מאן מאביליזירט הינטער דעם א״י=דיקן ישוב אין קאמף פאר דער יידישער מדינה.

די קאנפערענץ ווענדעט אין נאמען פון דער שארית הפליטה, איר פלאַמיקן רוף צו דער גאנצער וועלט און באזונדערס צו די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און ראטנפארבאנד, אויסצואיבן זייער אויטאריטעט, בכדי א סוף צו מאכן צו דעם בלוטיקן שפּיל אין ארץ=ישראל, צוצואיילן די ליקווידאַציע פון דעם ענגלישן מאנדאט, צו עפענען גלייך די טויערן

פון ארץ-ישראל, און אויפצולייזן די לאגערן „אירא" און אין ציפערן, צוצושטעלן-דעם נויטיקן וואפן פאר דער יידישער הגנה און די נויטיקע שיפן — פאר דער שארית הפליטה.

די קאנפערענץ פאדערט אויף די חלוצישע יוגנט, די יידישע פראנט-קעמפער און פארטיזאנער, ווי אויך אלע פיזיש-פעאיקע יידן צו שטעלן זיך ווי איין מאן אויף דעם מאביליזאציע-רוף פון דער יידישער הגנה און גיין דורך אלע וועגן צו הילף דעם בויענדן און קעמפנדן ישוב.

די קאנפערענץ פאדערט אויף די חברים פון דער פארטיי צו דינען אלס ביישפיל פון חלוציש-ציוניסטישער גרייטקייט און צו שטעלן זיך אין די ערשטע רייען פון גיוס.

די קאנפערענץ רופט די פאראנטוואָרטלעכע אינסטאנצן פון דער שארית הפליטה צו פראָקלאמירן אָן קיין שום צעגערונג דעם מגבית הבטחון — דעם זיכערהייטס-פאָנד און דריקט אויס איר טיפסטע איבער-צייגונג, אז אלע אָן אויסנאם וועלן אָפּפערן דאס גרעסטע און לעצטע פון זייערע מיטלען פאר דער שטארקונג פון דער יידישער הגנה אין דער איצ-טיקער גורלפולער שעה.

די קאנפערענץ פאדערט אויף דעם מרכז אדורכצופירן א גענויע אונ-טערזוכונג אויב אלע חברים האבן דערפילט זייער חוב.

די קאנפערענץ זעט אלס צענטראלע אויפגאבע פון דער פארטיי דאס מכשיר זיין די שארית הפליטה פאר איר איינגלידערונג אין די רייען פון בויענדן און קעמפנדן ישוב און פאדערט אויף דעם ניי-געוויילטן מרכז צו זארגן דערפאר, אז יעדן ייד זאל געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אדורכ-צומאכן די פאכלעכע, קולטורעלע און זעלבסט שוץ - הכשרה אין מעגלעך קורצעסטן צייט-אָפּשניט.

די קאנפערענץ שטעלט פעסט מיט שטאָלץ, אז דער וועג פון וועלט-פארבאנד פועלי-ציון (צ.ס.)—התאחדות און מפלגת פועלי ארץ-ישראל איז באשטעטיקט געוואָרן אין שיין פון די לעצטע היסטארישע געשעענישן און אז זייער מוטיקער און עקשנותדיקער קאמף פאר דער יידישער מדינה איז געקרוינט געוואָרן מיט א נצחון.

די קאנפערענץ שיקט זיי איבער די הארציקסטע ברודערלעכע גרוסן און פארזיכערט, אז די פארטיי אין דייטשלאנד שטייט אויף דער וואַך און וועט מאָביליזירן אלע כוחות פון דער שארית הפליטה, פאר עליה, און הגנה, פארן אויפבוי און שוץ פון א פרייער, דעמאָקראַטישער און סאציאַליסטישער מדינה.

די קאנפערענץ שטארקט די הענט פון דער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאציע און דריקט אויס די העכסטע אנערקענונג פאר אירע גרויסע היסטארישע לייסטונגען אין קאמף פאר דער יידישער מדינה.

די קאנפערענץ שטעלט פעסט, אז די שארית הפליטה שטייט הינטער דער העכסטער ציוניסטישער לייטונג, גרייט צו יעדן רוף.

ציוניסטיש-סאציאליסטישע פאראייניקונג:

אין שיין פון דעם שווערן און גורלפולן געראנגל אין ארץ-ישראל, אין אנבליק פון די נייע אויפגאבן פארבונדן מיט דער אויפשטעלונג פון דער יידישער מדינה, זעט די קאנפערענץ אלס דרינגנדע לעבנס-נויטווענדיקייט די שאפונג פון א פאראייניקטער ציוניסטיש - סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע, זייענדיק דער רוקנביין פון ציוניסטישן אויפבוי-ווערק, זאל אפהיטן די חלוצישע העגעמאניע פון ארבעט און זיכערן איר דעמאקראטיש-סאציאליסטישן כאראקטער.

די קאנפערענץ שליסט זיך אן אן דעם באנייטן רוף פון דער מפלגת פועלי א"י צו פאליטישער ארבעטער-אחדות און שטרעקט אויס איר האנט צו אלע ציוניסטיש-סאציאליסטישע כוחות אין דער שארית-הפליטה.

די אויפגאבן פון דער שארית-הפליטה

אין דער האפענונג, אז דאס באפארשטייענדע יאר איז דאס לעצטע אויף דער דייטשער ערד, זעט די קאנפערענץ די נאנטסטע תקופה אלס די, פון ליקווידירן די יידישע לאגערן אין דייטשלאנד, און ארגאניזירן די יציאת גרמניה.

די קאנפערענץ האלט, אז אלע אינסטאנצן פון דער שארית-הפליטה דארפן געשטעלט ווערן אין רשות פון די נייע ציוניסטישע אויפגאבן.

די קאנפערענץ שטעלט פעסט, אז די לאגע איז מחייב די שנעלע און ראדיקאלע רעארגאניזאציע פון אונדזער גאנצן געזעלשאפטלעכן לעבן, די פולשטענדיקע זויבערונג פון אלע זייענע קעמערלעך, די אויסריכטונג און באנייאונג פון אלע געזעלשאפטלעך-טעטיקע כוחות.

די נייע אינסטאנצן מיט דעם צענטראל - קאמיטעט בראש דארפן צוזאמענגעשטעלט ווערן אויפן יסוד פון א ציוניסטיש-קאנסטרוקטיוון ארבעטס-פראגראם און א נייעם און פאסיקן מענטשן-אויסוואל.

די קאנפערענץ שטרייכט אונטער מיט אנערקענונג די לייסטונג פון די פארטיי - פארשטייער אין צ. ק., וועלכע זייענדיק אין מינהערהייט און נים געניסנדיק פון דער געהעריקער צוזאמענארבעט פון אנדערע צ. ק. - מיטגלידער, האבן די גאנצע צייט געטראגן די הויפט-לאסט פון אחריות פאר דער ארבעט אין צ. ק.

די קאנפערענץ רופט די פארטיי אנצושטרענגען אלע כוחות בכדי צו פארזיכערן דעם זיג פון דער וואל-ליסטע „פועלי-ציון (צ. ס.) — התאחדות און אומפארטייאישע" און פארוואנדלען די וואלן אין א ציוניסטישע מאסן - מאביליזאציע און מאסן - אנטשיידונג איבער די גורל-פולע פראגן, וועלכע שטייען אויפן סדר-היום אין ציוניזם, אין ארץ-ישראל און אין דער שארית הפליטה.

אינהאלט:

1. אויף די וועגן פון דער יידישער בריגאדע 5
2. די שליחות פון ארץ־ישראל 9
3. ביי די קוואלן פון אחדות 17
4. הסתדרות ציונית אחידה 19
5. איבערברוך און איבערגאנג 27
6. די פארטיי פון הצלה 31
7. אייניקייט און קאנסאלידאציע פון דער באוועגונג 40
8. יידישער סאציאליזם אין שיין פון יידישער קאטאסטראפע 48
9. יידישער לאגער — אין גנראנגל 55
10. טעראר און ווידערשטאנד 58
11. דאס פראבלעם פון אדורכהאלטן 62
12. אויפן שוועל פון דער יידישער מדינה 67
13. דאקומענטן און מאטעריאלן 78

פרייז 5 מארק

Druck: Schwäbische Landeszeitung Naumann & Co. KG. Augsburg